№ 9 | Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • עלפטער יאָהרגאַנג. • פּרייז 20 גראָשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

אַנאָנסען-פּרייז פאַר 1 מילימעטער-שורה:
פאָרן טעקסט 40 גראָשען — נאָכן טעקסט 25 גראָשען
אין טעקסט 30 גראָשען.
[illegible]

אַבאָנעמענטס-פּרייז: 1 נומער 20 גראָשען.
[illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

Piątek, dnia 26 lutego 1932 | ליכט-צינדען 4.59 | פרייטאָג, פּ׳ כי תשא י״ט אדר א׳ תרצ״ב.

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

עפּענטליכע ערקלערונג.

היות ווי אין דער שטאָדט טאָדעלט מען אונז צוליעב דער מעשה אורבאַך דעריבער געבען מיר פאָלגענדע עפּענטליכע ערקלערונג:

א גרויסע צאָהל בעקער-מייסטער זענען שולדיג געבליבען פערלעגענע שטייערען און דער סקארב האט אונז אָנגעהויבען פייניגען וועגען די חובות, האבען מיר נאָך לאַנגע השתדלות׳ן געפּועלט, אז מען זאל די פערלעגענע חובות צולייגען אויף ראטעס און צאהלען וועכענטליך. דאס האט אבער געמוזט איינגעצאהלט ווערען פון אלע בעקער אהן אויסנאהם, ווען נישט האט געדראָהט, אז מען זאל פון אונז איינציהען דעם גאנצען שטייער מיט אמאָל, וואס וואלט געהייסען א רואין פאר׳ן צעך. האט מען דאן צונויפגערופען אלע בעקער און זיי געמאָלדען וועגען בעשלוס, צווישען וועלכע עס האבען זיך אויך געפונען די געברידער אורבאַך.

אלע בעקער-מייסטער האבען זיך דעם בעשלוס אונטערגעוואָרפען, כאָטש דאס איז זיי זעהר שווער אָנגעקומען, נאר די געברידער אורבאַך האבען זיך נישט געוואלט אונטערוואַרפען די אלגעמיינע בעשלוסען פון צעך און דאס האט געקאנט ברענגען א אָנגעהויערען שאָדען פאר׳ן גאנצען צעך, וועלכער צעהלט 60 יודישע פאמיליעס, דעריבער האבען מיר לאין ברירה געמוזט ערפילען אונזער בירגערליכען און מענשליכען חוב, כדי דער בעקער-קיבוץ זאל נישט אינגאנצען רואינירט׳ווערען.

מיט דרך-ארץ **דער בעקער-צעך אין טשענסטאכאוו.**

ליושב-ראש של ההסתדרות הציונית בעירנו
מר ד״ר **א. ברם** על מות אחיו
ד״ר דנטיסט **שלמה** נ״ע
מביע את רגשי השתתפותו
ועד „המזרחי"
בצינסטחוב.

חננו משתתף ביגונו של ידידי הנכבד ד״ר **א. ברם**
על מות אחיו ד״ר דנטיסט **שלמה** נ״ע
בנחמת ציון ינוחם
חיים וועקסלר ורעיתו.

דעם געעהרטען וויצע-פּרעזעס
ה׳ **ד״ר ארנאָלד בראַם**
צוליעב׳ן טראַגישען טויט פון זיין
ברודער
דריקט אויס מיטגעפיהל
דאס פּרעזידיום און פערוואַלטונג פון „טאָז"
אין טשענסטאָכאָוו.

דאס מעדיצינישע-און ביוראָ-פערסאָנאַל פון „טאָז"
דריקט אויס זיין טיעפסטען מיטגעפיהל דעם געערטען וויצע-פּרעזעס
ה׳ ד״ר **אַרנאָלד בראַם**
צוליב׳ן טראגישען טויט פון זיין **ברודער.**

הננו מביעים את רגשי השתתפותנו בצערו הגדול של נשיא ההסתדרות הציונית בצינסטוחובה, ד״ר **אַרנולד ברם,**
למות עליו **אחיו**
בהגשמת יצירת המדינה העברית בארץ-ישראל ינוחם.
ברית הציונים-הרביזיוניסטים בפולניה,
סניף בצ׳נסטוחובה.

פעראיין פון קאָנסומענטען פון דער עלעקטראָווניע אין טשענסטאָכאָוו׳

זונטאג, דעם 28 לוטי 3 נאכמ.
קומט פאָר אין **פייערלעשער זאַל**

אַ גרויסע פערזאַמלונג

פון די קאָנסומענטען פון דער עלעקטראָווניע, וואו עס וועט בעהאנדעלט ווערען א רייהע וויכטיגע אקטועלע פראגען.

אלע מיטגליעדער דארפען אין זייער אייגענעם אינטערעס זיין אנוועזענד.

דער אָרגאניזיר-קאָמיטעט.

אויפפאָדערונג.

די פערוואלטונג פון „בית-לחם" פאָדערט אויף צום לעצטען מאָל דעם ה׳
איצעק פיליפּאָוויטש, אַלעע 5
צו בעצאהלען דעם חוב פון 80 זל., וואס איז אי׳בערוויזען געוואָרען פון דער יודישער גמינע און קומט אלס סובסידיום דער אינסטיטוציע. און מיר וואָרנען אייך, דאס אויב מיר וועלען אויך דאס מאָל נישט בעפרידיגט ווערען, וועלען מיר אָננעמען געגען אייך געזעצליכע מיטלען.

די פערוו. פון „בית-לחם".

בעקאַנטמאכונג.

די פערוואלטונג פון „בית-לחם" מאכט בעקאנט, אז
די ציהונג פון דער **פאנטען-לאָטעריע**
קומט פאר מאנטאג, דעם 29 לוטי 11 א זייגער פריה אין לאָקאל פון דער נייער סינאגאגע, ווילסאָנא 10.

די פערוו. פון „בית-לחם".

Szkoła tańców

baletm K. KOSTECKIEGO
w lokalu własnym **Waszyngtona 6**
(d. Jasna).
Uczy Rumbę, Tango i t. p. elegancko-wytwornie, w kompletach i pojedyńczo.
Zapisy na kursy I I - III - Mazura
codziennie od 10 rano do 9 wiecz.
אכטונג! פּראַקטישע לעקציעס קומען פאר **יעדען שבת 8 אָוונד** ססעציעל פאר דער יודישער געזעלשאפט.
ביליגערער אבצאָהל. — לעצטע מוזיק-שלאגערס.

קופּהויזער = טעכניקום

פאַר אינזשיניער- און ווערק-מייסטער
באַר פראַנקעהויזען, קופּה,
פּראָגראַם-פאָדערונג: עלעקטראָטעכניק, מאשינען, ערד-מאשינען, אויטאָ-און לופט-בעטריעב, שטאָהל-בוי, אייזען-וואסער-בוי
פאַר סוהרים 1-סעמעטריקערטע-נישער קורס.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס
דעם ד״ר **אַרנאָלד בראַם** צום טראַגישען טויט פון זיין ברודער-
שלמה נ״ע
אין קאמף פאר א בעסערען מאָרגען פון יודישען פאלק זאל ער א טרייסט געפונען
שמואל קאַץ.

אונזער פערוואלטונגס-מיטגליעד
דוד קאַנאַרסקי צו זיין חתונה מיט פרל. **סאַלאַ יאַרקאָוויזנא**
א חבר׳ישען מזל-טוב
די פערוואלטונג פון פראָפ. פעראיין פון
בעקליידונגס-אינדוסטריע אין פוילען
טשענסטאכאווער אָפּטיילונג.

אונזער געערטען קיראָווניק **שלמה באָרזיקאָווסקי** און זיין פרוי **ביילע** צו זייער 11 יעהריגער האכצייט ווינשען מיר פיעל גליק, איהר זאָלט דערלעבען גליקליך אייער זילבערנע און גאָלדענע האָכצייט
מאָניע יעשאַנאָוויטש און **געניא הערשליקאָוויטש.**

מיין געערטען קיראָווניק **שלמה באָרזיקאָווסקי** און זיין פרוי **ביילע** צו זייער 11 יעהריגער האכצייט ווינש איך פיעל גליק, איהר זאָלט דערלעבען גליקליך אייער זילבערנע און גאָלדענע האָכצייט
רבקה לעשטשינא.

צו דער האָכצייט פון אונזער ליבע טאָכטער און שוועסטער **אסתר טענדלער**
מיט ה׳ **שמואל יאקובאָוויטש** ווינשען א הארציגען מזל טוב,
זאָל אייער לעבענס-וועג זיין בעשטראהלט מיט דער הערליכער זונען-שיין.
מוטער, שוועסטער און **ברידער.**

צו דער תנאים פון פר״ל
קאַראָלאַ דזיאלאָווסקא מיט ה׳ **מאַקס ערנער**
מיין הארציגסטען מזל טוב
ווינשט **גוסטאַוו טענענבערג.**

Serdeczne życzenia z okazji zaręczyn
p HELI FISZMANÓWNY z p MARKIEM LASKIEREM
zasyłają
TAUBENBLATOWIE

פרויען - פעראיין „ע ז ר ה". | ציוניסטישע אקאדעמישע יוגענד.

מאָרגען שבת, ד. 27 לוטי, אין זאַל „וואַרטא"
אלעע קאָשציושקי 26, קומט פאַר

אַ גרויסער אקאדעמישער באַל

מיט פערשירענע רייכע אטראקציעס.

: רייכער ביליגער בופעט : | : אמעריקאנער לאָטעריע :
: פערשיעדענע סיורפּריזען : | : גרויסער טאנץ-קאָנקורס :

אלע ווילען זיך שבת 10 אָוונד אויפ׳ן אקאדעמישען באַל.

Koło Akademików Żydów w Częstochowie.

Biuro Pośrednictwa Pracy przy Kole

poleca wykwalifikowanych
KOREPETYTORÓW, NAUCZYCIELI, INŻYNIERÓW, BUCHALTERÓW i INNYCH PRACOWNIKÓW UMYSŁOWYCH
jakoteż NAUCZYCIELI MUZYKI
Zgłoszenia przyjmuje Sekretarjat Koła w lokalu Stow. Kupców i Przemysłowców. Aleja Wolności 3, we WTORKI, CZWARTKI i SOBOTY w godz. od 6 – 7 w.
Pośrednictwo bezpłatne. Pośrednictwo bezpłatne.

בעקאַנטמאכונג.

דערמיט האב איך דעם כבוד מודיע צו זיין דער ג׳ קונדשאפט, אז
איך האב געעפענט אין דער **ערשטער אלעע 6**

א וואורשטען=געשעפט

איינגעאָרדענט לויט׳ן לעצטען וואָרט פון דער טעכניק און היגיענע.
אייגענע ערשטקלאסיגע אויסארבייטונג פון וואורשטען און פערשיעדענע געראַכערטע פליישען.
בעזוכט איהר איינמאל מיין געשעפט, בלייבט איהר שטענדיג מיין קונה!
מיט אכטונג **דוד גאָלדבערג**
ערשטע אלעע 6.

היינט, פרייטאג איז ערשינען

די יובילעאום = אויסגאבע

פון „אונזער עקספּרעס"
מיט א זעהר רייכען לעזע-מאַטעריאל
32 זייטען—40 גר. צו בעקומען ביי אלע צייטונגס-פערקויפער.

עס ווערט געזוכט א צימער מיט א בעזונדערן איינגאנג מיט בעקעסטיגונג.
אָפּערטען אין רעד. אלעע 6 פאר ב,

אין טיעפען צער און טרויער זענען מיר מודיע וועגען טראגישען טויט פון אונזער ב ר ו ד ע ר און מ א ן
ד״ר דענטיסט **שלמה בראַם** נ״ע
די לויה איז פאָרגעקומען מיטוואָך י״ז לחודש אדר א׳ (24-טער לוטי) 1932 י.
גלייכצייטיג דאנקען מיר די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערען נפטר — די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
שוועסטער, ברידער, פרוי, שוועגערינס, שוואָגערס און פאמיליע.

דער טאג פאר הונגעריגע.

אין פוריגען נומער פון אונזער צייטונג האבען מיר זיך געווענדעט צום היגען יודישען הילפס-קאמיטעט פאר די קריזיס-געליטענע מיט'ן פארשלאג וועגען איינארדנען א ספעציעלען זאמעל-טאג, אין וועלכען אלע היגע יודען זאלען שפענדען זייערע נדבות פאר אונזערע הונגעריגע ברידער.

ווי מען גיט אונז איבער האט דער קאמיטעט אונזער פארשלאג אנגענומען און ס'איז בעשלאסען געווארען אזא זאמעל-טאג איינצוארדנען, בלויז מיט דער ענדערונג, וואס מיר האבען פראיעקטירט דאס צו טהון וואס פריהער, ווייל יעדער טאג, וואס געהט אוועק איז א גרויסער פערלוסט, דעריבער האבען מיר פארגעשלאגען צו בעשטימען צו דעם צוועק דעם קומענדען זונטאג. דער קאמיטעט האט אבער איינגעפונען, אז די צייט איז צו קורץ און האט דעריבער בעשטימט דעם זאמעל-טאג **אויף דעם צווייטען זונטאג דעם 6 מערץ.**

אין אונזער פוריגען ארטיקעל האבען מיר אנגעצייכענט די הויפט-פונקטען, לויט וועלכע די זאמלונג זאל איינגעארדענט ווערען און זאל אין איין טאג ארומנעמען די גאנצע היגע יודישע בעפעלקערונג, אנווייזענדיג דאביי, אז דאס דארף געמאכט ווערען אויף א אייגפאכען אופן אהן צופיעל פארמאליטעטען, כדי נישט צו בעשווערען די ארבייט.

איין זאך איז אבער דאביי וויכטיג און אפשר דאס וויכטיגסטע, וואס מען דארף די דאזיגע אקציע ווי געהעריג פראקלאמירען און בעקאנט מאכען צווישען די היגע יודען. מען דארף זיי ערקלערען די נויטיגקייט און וויכטיגקייט פון דער זאך און אז די אקציע ווערט אהערגעשטעלט אויף אזא אופן, אז יעדער איינציגער יוד, וואס האט ווי עס איז די מעגליכקייט (דער, וואס איז נאר נישט געצווינגען צו נעמען שטיצע) מוז זיך בעטייליגען מיט זיין נדבה, וועלכע הויבט זיך אן ביי דער קליינער סומע פון 50 גר.

מען דארף זיי ערקלערען, אז דאס ווערט אדורכגעפיהרט אזא איינטאגיגע מאביליזאציע צום קאמף מיט דעם הונגער און די קעלט, וואס בעהערשען א גרויסען טייל פון אונזערע שוועסטער און ברידער און אין דער צייט פון מאביליזאציע מוזען אלע געבען, קיינער טאר זיך נישט אויסשליסען.

מיר זיינען נישט גענוי אינפארמירט, וואס דער הילפס-קאמיטעט האט געטהון אין משך פון דער היינטיגער וואך אום צו רעאליזירען די דאזיגע אקציע אויב ער האט בכלל שוין אונטערגענומען א וועלכע ס'איז פארברייטונגס-ארבייט. די יודישע פרעסע אין אונזער שטאדט דורך וועלכער מען דארף זיך ווענדען צו דער יודישער בעפעלקערונג, איז דורכ'ן קאמיטעט קיין ספעציעלעס וועגען דעם נישט מיטגעטיילט געווארען און ס'איז אפשר א פעהלער דאס וואס די היינטיגע יודישע צייטונגען זענען דורכ'ן קאמיטעט צו דעם צוועק נישט אויסגענוצט געווארען.

אבער זאל דאס זיין דעם קומענדען פרייטאג, די ארטיגע יודישע צייטונגען פון דעם טאג דארפען אויסגענוצט ווערען פאר דער געהעריגער אגיטאציע פון דעם זאמעל-טאג. דאס זעלבע דארף אויך זיין אין צווייטען שבת, ווען מען דארף אין אלע שוהלען און מנינים רעדען וועגען דעם זאמעל-טאג און דערמאנען די מתפללים וועגען דעם פליכט וואס זיי האבען אין דעם דאזיגען טאג צו ערפולען.

מיר האלטען פון אונזער זייט נאך פראיעקטירט, אז דער זאמעל-טאג זאל גלייכצייטיג אויסגענוצט ווערען פאר זאמלען מאנאטליכע דעקלאראציעס פאר דעם הילפס-קאמיטעט, אז די הויז-זאמלער, וואס וועלען ביי זייערע שכנים זאמלען די טאג-שפענדונגען זאלען נעמען דעקלאראציעס ביי די שכנים וואס זיי וועלען געפונען אז זיי דארפען זיך דעקלארירען, דאס וואלט נישט פערלאנגט קיין איבריגע ארבייט און וואלט געקענט האבען א גרויסע בעדייטונג פאר די הכנסות פון דער הילפס-אקציע, אבער דאס לאזען מיר שוין איבער פאר'ן קאמיטעט, וועלכער זאל דאס בעשטימען לויט זיין איינזעהען.

דער קאמיטעט דארף נאר צוטרעטען צו דער ארבייט מיט דער נויטיגער ענערגיע, און עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפעל, אז די הויז-זאמלער וועלען זיך אין יעדען הויז גאנץ לייכט געפונען און אז די טשענסטאכאווער יודען וועלען פערשטעהן זייער חוב, אזוי, אז די אקציע וועט האבען דעם געוואונשטען ערפאלג.

י. פלאצקער

פון דער וואך.

דער קויהלען-שטרייק.

דער שטרייק אין די דאמבראווער און אויבערשלעזישע קויהלען-גראבען, ווערט וואס א טאג אלס מעהר פערשארפט. די קאמוניסטען ווילען דאס אויסנוצען פאר זייער פראוואקאציע. בעמיהענדיג זיך איינצוארדנען דעמאנסטראציעס- עס זענען אדורכגעפיהרט געווארען פיעל ארעסטען צווישען די קאמוניסטישע אגיטאטארען, עס איז אויך געקומען צו א צוזאמענשטויס מיט דער פאליציי, בעת וועלכען 2 ארבייטער זענען דער'הר'געט געווארען. די סאנאציע ארבייטער בעמיהען זיך אז דער שטרייק זאל פערענדיגט ווערען, אבער די לאגע איז א זעהר אנגעשטרענגטע.

פרענטש-בעריכט ווערט קאריגירט.

דער בעוואוסטער בעריכט וועגען דער אימיגראציע און באדען-קויף אין ארץ-ישראל, וואס איז צונויפגעשטעלט געווארען דורך דעם ענגלישען שליח לואיס פרענטש, וועלכער איז געווען זעהר נישט גינסטיג פאר'ן יודישען אויפבוי-ווערק אין א"י און האט ארויסגערופען גרויס אונצופרידענהייט צווישען דעם יודישען פאלק – דער בעריכט ווערט איצט קאריגירט דורכ'ן אויטאר זעלבסט, וועלכער טראגט אין איהם אריין גרינדליכע ענדערונגען און אויסבעסערונגען לטובת דער יודישער זאך, אזוי, אז ווען דער בעריכט וועט פערעפענטליכט ווערען, וועט ער האבען א פיעל גינסטיגערען אינהאלט. די דאזיגע ענדערונג קומט פאר אונטער'ן דרוק פון דער פראטעסט - אקציע מצד די יודישע פיהרער, וועלכע האבען וועגען דעם שארף אינטערווענירט, אזוי אז דער הויך-קאמיסאר זעלבסט האט אין פיעלע פרטים נישט איינגעשטימט מיט'ן בעריכט אין זיין פוריגען אינהאלט.

1 מיליאן דאלאר.

פון ניו-יארק ווערט מיטגעטיילט, אז דער פערבאנד פון פוילישע יודען אין אמעריקא האט בעשלאסען שוין אנצוהויבען אנ'אקציע צווישען די פוילישע יודען אין אמעריקא, אז זיי זאלען שטיצען אויף פסח זייערע ארימע קרובים אין פוילען, נישט קוקענדיג אויף דעם קריזיס, וואס הערשט אין אמעריקא זעלבסט. אויך די יודישע אמעריקאנער פרעסע וועט פיהרען א ברייטע אגיטאציע פאר דער דאזיגער אקציע, אז נישט בלויז פאר קרובים, נאר די פוילישע יודען אין אמעריקא, וואס האבען נישט קיין קרובים אין פוילען זאלען זיך אויך בעטייליגען אין די שפענדונגען פאר סתם פוילישע יודען. עס ווערט צוגעגעבען, אז טראץ דעם הערשענדען קריזיס וועט געלונגען צו ווירקען, אז עס זאל געשיקט ווערען פון אמעריקא קיין פוילען 1 מיליאן דאלאר שטיצע.

ארעסטען צווישען יודען אין טשעכיען.

פון פראג איז מען מודיע, אז אין משך פון די לעצטע וואכען האבען זיך אויף א שרעקליכען אופן פערגרעסערט די ארעסטען צווישען יודען אין סלאמניקי, וועלכע ווערען בעשולדיגט, אז אלס אפיצירען פון רעוואלוציאנערען נאציאנאל-ראט, האבען זיי בעת די הערבסט-אונרוהען אין יאהר 1918 דערשאסען פויערים פאר רויבערייען. אין צוזאמענהאנג דערמיט הערשט צווישען די יודען אין דרום-סלאוואקיען א פאנישע שטימונג.

פראפ. ד"ר משה שאר.

אנ'אפּפער פון הארץ.

עטליכע ווערטער צו דער איצטיגער זאמעל-אקציע פאר'ן „קרן היסוד".

א שטייער, ווען ער ווערט געגעבען פרייוויליג, בערייכערט דעם געבער, שוין ביי דעם שטייער צו בויען דעם משכן ווערט געזאגט „ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו" – זיי זאלען מיר נעמען פון יעדען וואס זיין הארץ וועט בעוויליגען. אויב עמיץ גיט פון ווילליגען הארץ, נעהמט ער מעהר ווי ער גיט.

ווער עס גיט פאר א הייליגען דערהויבענעם צוועק, דער נעמט דורך זיין איינמאהליגער נתינה א שטענדיגען גייסטיגען אנטייל אין דער מאגישער ליכטיגקייט, וואס שטראמט ארויס פון דעם הייליגען ווערק און בעשטראהלט אלעמען, וואס זענען מיט איהם פערבינדען. אבער אויפצונעהמען די דאזיגע ליכטיגע שטראהלען זענען מסוגל נאר יענע נותנים, וואס געבען אהן צוואנג, אהן אנ'אויסערליכען דרוק, נאר בעוואויגען דורך זייער אייגענוויליגען הארץ. דאס הארץ איז דאס מעדיום, וואס שאפט די מאגישע פערבינדונג צווישען דעם מנדב מיט דעם ציעל, פאר וועלכען ער שפענדעט, און דורך דעם דאזיגען אפפער פון הארץ ווערט דער מנדב א מיטשאפער און א מיטבעטייליגטער צוזאמען מיט מיליאנען אנדערע, וואס האבען דאס ווערק מיטגעהאלפען בויען.

אויך איצט האלטען מיר אין בויען א משכן, א דערהויבענע הייליגע היים פאר'ן פאלק, א מאטעריעלע און גייסטיגע היים, וואו די יודישע נאציע זאל זיך קאנען פריי און אונגעשטערט אויסלעבען. און ס'איז נישטא קיין מעהר דערהויבענע און הייליגע גאב, ווי די גאב פאר'ן פאנד, וואס בויט די דאזיגע היים – פאר'ן „קרן היסוד". די, וואס ברענגען אפפער פאר דעם דאזיגען הייליגען ציעל, געבען נישט, נאר גיכער נעהמען זיי, ווייל זיי בערייכערען זיך אליין מיט דעם בעגליקענדען געפיהל, אז זיי בעטייליגען זיך זעליש אין דעם וואונדערווערק פון אויפבויען אונזער אוראלט פאטערלאנד און אויפלעבען דארט אונזער אוראלט פאלק.

וואס פאר א ממש האט יעדעס אנדערע פערגענגליכע עשירות א קעגען דעם דאזיגען אייביגען רייכטום פון שמחה און שטאלץ, וועלכעס וואקסט און שטייגט מיט יעדען טאג, וואס מעהר עס וואקסט און עס קרעפטיגט זיך דאס ווערק, פאר וועלכען דאס דאזיגע אפפער פון הארץ ווערט געגעבען. און די נתינות פאר'ן „קרן-היסוד" זענען דאך אנ'אפפער פון הארץ, פונ'ם יודישען הארץ, וואס גליהט מיט ליבע צו זיין פאלק.

איך האב געהאט די גרויסע זכיה געוועהלט צו ווערען אלס פארזיצענדער פון „קרן - היסוד" - דירעקטאריום אין פוילען. איבערנעהמענדיג מיין אמט, האב איך איין וואונש: אז די „תרומה" פאר'ן "קרן-היסוד" זאל זיין אנ'אמת'ע „תרומה שבלב", אז זי זאל בעגליקען און בערייכערען די תורמים מיט דעם גרעסטען רייכטום, וועגען וועלכען דורות האבען געטרוימט; אז זיי און זייערע קינדער זאלען זוכה זיין צו זעהען מיט אייגענע אויגען דאס פארטיגע ווערק, וואס זיי האבען געהאלפען מיטבויען; דאס אויפגעבויטע ארץ-ישראל און דאס אויפגעלעבטע יודישע פאלק אין ארץ-ישראל!

(42

די פערפאלגטע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאה"-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך י. געלזאהן.

(פארטזעצונג).

וויקטאר האט זיך גענומען פיבערהאפט צו זיינע פארברייטונגען אין צוזאמענהאנג מיט זיין רייזע נאך רוים, וואס ער געהט אונטערנעמען, כדי אויסצוגעפונען זיין געליבטע ראזא.

די שטאדט רוים, וואו ער איז געבוירען און ערצויגען געווארען, וואו ער האט פערבראכט זיינע בעסטע יוגענד-יאהרען ביי זיינע רייכע עלטערן און וואו עס האט זיין פאמיליע דאס שוידערליכע אומגליק געטראפען. די רייזע אין אט דער געבורטס - שטאדט האט אין איהם דערוועקט די שרעקליכסטע ערינערונגען פון דער פערגאנגענהייט.

שוין א יאהר ווי ער איז דארט נישט געווען. דאס לעצטע מאל איז ער געווען אין רוים בעזוכען זיין גייסטיג-קראנקע מוטער און זינט דאמאלס האט ער זי נישט בעזוכט, און פלוצים האט ער זיך געמאכט געוואלדיגע פארוואורפען צוליעב דעם:

ווי קען דאס מעגליך זיין, אז א גאנץ קיילעכיג יאהר האב איך מיין קראנקע מוטער נישט בעזוכט און נישט געזעהען וואס זי מאכט? בין איך דען נישט קיין פערברעכער, איז דאס אזוי ריכטיג?

אמת, ער איז געשטאנען אין בריעפליכער פערבינדונג מיט דעם קליניק און וועלכער זיין מוטער האט זיך געפונען און יעדע וואך האט ער רעגולער בעקומען א בעריכט פון דעם געזונד-צושטאנד פון זיין מוטער, און בעזונדער לעצטענס זינט מרים איז פערלאזט געווארען מיט'ן גובערנאטאר מאראניא און זייער מאטעריעלע לאגע האט זיך פערבעסערט, פלעגט ער פון צייט צו צייט שיקען געלד אין קליניק פאר דער אויסהאלטונג פון זייער מוטער, אבער דאס איז אלץ נישט קיין פערענטפערונג. איך האב געדארפט אליין דארט זיין און זעהען וואס די מוטער מאכט.

און אפשר לעבט שוין די מוטער גארנישט און די שפיטאל-לייטונג טיילט איהם וועגען דעם נישט מיט, כדי ער זאל נישט אויפהערען דאס געלד צו שיקען? ביי דעם געדאנק האט איהם אינגאנצען געשוידערט און ער האט זיך נישט געקענט שענקען פארוואס ער האט דאס ביז - יעצט נישט געקענט פערשטעהן. אמת, ער איז געווען פערנומען מיט'ן פערשוואונדען פון ראזא'ן, דאס האט פערנומען זיין גאנץ וועזען, אמת, א מוטער, וואס הייסט עפעס נישט טראכטען וועגען קיין אייגענע מוטער, ווען זאגאר די דאקטוירים האבען ערקלערט, אז איהר גייסטיגע קראנקהייט איז אויף שטענדיג אונהיילבאר.

ווען ער האט די דאזיגע געדאנקען זיינע ארויסגעזאגט פאר זיין שוועסטער מרים, האט זי זיך אויך פערשעהמט פאר זייער פערנאכלעסיגען די מוטער. מרים האט זיך אפילו געוואלט פערטיידיגען מיט דעם, וואס די מוטער איז נישט ביים פערשטאנד און דאס בעזוכען זי האט קיין צוועק נישט, אבער זי האט געוואוסט, אז דאס איז א פוסטע אויסרייד און זי האט דאריבער אויך צוגעאיילט, אז וויקטאר זאל זיין רייזע נאך רוים מאכען וואס פריהער, ווען אפילו ער זאל ראזא'ן נישט געפונען, נאר בלויז צוליעב זייער מוטער.

וויקטאר האט נאך געפונען פאר נויטיג פאר זיין אבפאהרען פון מיילאנד צו בעזוכען ראזא'ס עלטערן, דעם באראן אדעלבערג און זיין פרוי.

די דאזיגע מענשען זענען נאך דער פערשווינדונג פון זייער טאכטער געווען אזוי ווי געשטארבען. דער באראן האט פערנאכלעסיגט אלע זיינע אינטערעסען און ער האט זיך דאריבער געפונען אין א זעהר שלעכטער מאטעריעלער לאגע, אויסגעהאלטען האט איהם כמעט אינגאנצען דער גובערנאטאר מאראניא, אלס זיין איינציגער פריינד אין מיילאנד און דאס איז פארגעקומען דורך וויקטאר'ן, וועלכער האט דעם באראן כמעט יעדען טאג בעזוכט און איהם אין געהיים איבערגעלאזט יעדעס מאל א געוויסע סומע, פון וואס דער באראן האט געהאט אויף זיין אויסהאלטונג. ער האט געוואוסט, אז וויקטאר ברענגט דאס איהם פון גובערנאטאר, אבער אפען האבען זיי - וועגען דעם נישט גערעדט.

זינט וויקטאר האט אנגעהויבען צו פיהרען די אויספארשונג וועגען די צוויי מענשען מארטין און אלמאר און ער האט שוין אנגעהויבען פיהלען, אז זיי ווייסען וועגען דער געהיימניס פון ראזא'ן, האט וויקטאר דעם באראן מיט זיין פרוי וועגען דעם נישט געוואלט דערצעהלען, אום זיי זאלען נישט ענטוישט ווערען, ווען עס וועט זיך ארויסווייזען, אז ער קען קיין גענויעס נישט דערגעהן און אויך יעצט, ווען ער האט בעשלאסען צו פאהרען נאך רוים, האט ער דעם באראן נישט געוואלט זאגען, אז ער פאהרט צוליעב ראזא'ן, נאר אז ער וויל בעזוכען זיין קראנקע מוטער.

אין אווענד איז ער ווי געוועהנליך אוועק צום באראן אין דער בעגלייטונג פון זיין שוועסטער מרים.

דער באראן מיט זיין פרוי האבען זיי אויפגענומען גלייכגילטיג אזוי ווי ביי יעדען בעזוך און וויקטאר האט צו זיי געזאגט:

איך בין היינט געקומען מיינע טייערע, זיך מיט אייך געזעגענען.

וואס הייסט?–האט דער באראן געפרעגט–דו פאהרסט אוועק פון אונזער שטאדט?

יא, איך פאהר נאך רוים, איך האב שוין לאנג נישט בעזוכט מיין ארימע קראנקע מוטער און איך מוז זי זעהען.

און דו רעכענסט לאנג דארט צו פערבלייבען?

איך גלויב, אז עטליכע טעג.

אה, אונז וועט אהן דיר זיין שרעקליך אומעטיג–האט די באראנין געזאגט –מיר וועלען דאס נישט איבערהאלטען.

איך וועל אייך אזוי ווי ביז-יעצט יעדען טאג בעזוכען–האט מרים געזאגט–און וועל זיך בעמיהען, אז עס זאל אייך נישט זיין לאנגווייליג.

וויקטאר האט זיך נישט געקענט איינהאלטען, זעהענדיג ווי די טרעהרען רינען פון די אויגען פון אלטען באראן מיט זיין פרוי און ער האט דאריבער צוגעגעבען:

און גלייכצייטיג וועל איך זייענדיג אין רוים זיך פעראינטערעסירען וועגען אונזער טייערע ראזא. מעגליך וועט זיך מיר איינגעבען וועגען דעם עפיס צו ערפאהרען.

וואס פאלט דיר איין פלוצים?–האבען ביידע, דער באראן מיט זיין פרוי געפרעגט–איז פערהאן עפיס נייעס?

ניין–האט וויקטאר געענטפערט–קיין נייעס נישט, אבער איהר ווייסט, אז קיין מינוט אין טאג פערגעס איך נישט אין ראזא'ן און אויב איך פאהר אין דער רעזידענץ, איז מיר געקומען אויפ'ן געדאנק זיך אומצוקוקען. איך האב דאס אייגענטליך שוין לאנג געדארפט טהון.

זאל אונז גאט העלפען–האבען ביידע אויסגערופען.

נאך א קורצע צייט זענען וויקטאר און מרים דארט געזעסען, עס איז זעהר שווער געווען דאס אבשידען זיך אבער ענדליך האבען זיי זיך זעהר הארציג געזעגענט, נאך דעם ווי וויקטאר האט זיי ווידער אין געהיים איבערגעלאזט א גרעסערע סומע געלד און נאך אין דער זעלבער נאכט איז וויקטאר אבגעפאהרען קיין רוים.

(פארטז. קומט)

נישט מיט קיין ווערטער, נאָר מיט מעשים.

(צום קאַמף געגען דער עלעקטראָוניע).

אַזוי ווי אין עטליכע שכנות'דיגע שטעדט, האָט זיך אויך ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו, אָנגעהויבען דער קאַמף פון די איינוואוינער געגען דער עלעקטראָווניע, געגען די אונגעהויער-הויכע פרייזען, וואָס זי נעמט פאַר עלעקטרישען שטראָם, וועלכע שטייגען ווייט איבער די עלעקטריע-פרייזען פון אַלע שטעדט אין לאַנד און גלייכצייטיג געגען איהרע שיקאַנירענדע „צוגאַבען" און די „שטראָף - עקספּעדיציעס", וואָס זי האָט אָרגאַניזירט געגען איהרע אינטערטאַנען, געגען איהרע שקלאַפען—די קאָנסומענטען פון עלעקטרישען שטראָם.

פאַקטיש האָט זיך דער עצם קאַמף נאָכנישט אָנגעהויבען, עס ווערען ערשט געמאַכט די נויטיגע מלחמה-הכנות, עס ווערט אָרגאַניזירט די קאָנסומענטען-אַרמעע און עס ווערט געזאַמעלט דאָס נויטיגע אויפרייס - מאַטעריאַל, דאַביי ווערט אָבער שוין גערעדט וועגען די מעטאָדען, וואָס וועלען אָנגענומען ווערען בעת דעם קאַמף, מיט וועלכע מיטלען מען רעכענט זיך צו בענוצען אין קאַמף און מיט וועלכע האַרמאַטען מען גלויבט צו שטורמען דאָס דאָזיגע פעסטונג.

און עס וואָלט דאַריבער נישט געשאַדט, ווען מיר זאָלען זיך פריהער אָבגעבען אַ דין-וחשבון, ווען מען זאָל פריהער ווי געהעריג אָבשאַצען די כּוחות פונ'ם שונא און זיי נישט צופיעל גרינגשעצען, כּדי צו זיין מעהר-ווייניג זיכער, אַז דער נצחון שטעהט אויף אונזער זייט.

מיר האַלטען, אַז דער קאַמף דאַרף און מוז בעשטעהן נאָר אין אַזעלכע מיטלען, וועלכע זאָלען זיין פאַראויסגעזעהן, אַז זיי וועלען זיין בכּח צו צווינגען די עלעקטראָווניע נאָכצוקומען אונזערע גערעכטע פאָדערונגען און נישט גלאַט זיך שפּילען בלויז מיט פּראָטעסטען און באָיקאָטען, וועלכע זענען אייגענטליך נאָר אַ מיטעל, אָבער נישט קיין ציעל.

זעלבסטפערשטענדליך האָבען די מאַסען-פּראָטעסטען פיעל צו זאָגען, קודם-כּל דאָס אַליין, וואָס די ברייטע מאַסען קאָנסומענטען ווערען בעוואוסטזיניג, מען עפענט זיי די אויגען און זיי זעהען די גרויסע עוולה, וואָס ווערט געגען זיי בעגאַנגען אין אַלע הינזיכטען, אַזוי איז דאָס אויך מיט דעם באָיקאָט, וואָס ווערט ערקלערט אין עטליכע שטעדט אויפ'ן עלעקטרישען שטראָם, וועלכער האָט אויך אַ געוויסע בעדייטונג, אָבער אַזוי דאָס ערשטע—די פּראָטעסטען, ווי דאָס צווייטע—דער באָיקאָט זענען לויט אונזער מיינונג, נישט קיין ראַדיקאַלע מיטלען, וועלכע זאָלען עלול זיין צו ברעכען די האַרטנעקיגקייט פון דער דאָזיגער געזעלשאַפט.

וועגען די פּראָטעסטען קען מען זיכער גלויבען, אַז די עלעקטראָווניע וועט זיך נישט שטאַרק נעמען צום האַרצען דאָס, וואָס מען פּראָטעסטירט געגען איהר, וואָס די קאָנסומענטען זענען מיט איהר נישט צופרידען, זיי ווייסען גאַנץ גוט די עלעקטראָווניע-מאַכער, וואָסערע שרעקליכע פערביטערונג עס הערשט געגען איהר צווישען אַלע איהרע קאָנסומענטען און דאָס הויבט זי אַפילו נישט אָן צו אַהרען. דער באָיקאָט - פּראָיעקט קען מעגליך זיין, אַז אויב עס זאָלען זיך צו איהם באמת צופּאַסען אַלע קאָנסומענטען, אַז דער באָיקאָט זאָל טראָגען דעם אמת'ן כאַראַקטער וואָס ער דאַרף, אויף אַזאַ אופן וואָלט ער שוין געבּרענגט דער עלעקטראָווניע אַ געוויסען שאָדען און ווען דער שטרייק זאָל זיך לאַנג פערציהען קען דאָס האָבען אַ געוויסע בעדייטונג פאַר די הכנסות פון דער עלעקטראָווניע, אָבער עס איז שווער צו גלויבען, אַז דאָס דאָזיגע מיטעל זאָל באמת זיין גענוג ראַדיקאַל בנוגע אַ געזעלשאַפט, וואָס שטעהט שטענדיג מיט'ן פּנים פון חוזק און לאַכט פשוט פון איהרע קאָנסומענטען. אויך איז אַ פראַגע אויב די עלעקטראָווניע וועט זיך נישט אויסרעכענען, אַז פאַר איהר איז גלייכער צו פערלירען אַ געוויסע צייט צוליעב'ן שטרייק, וועלכער וועט נישט קענען לאַנג אויסהאַלטען, איידער צו רעדוצירען די פּרייזען אויף שטענדיג, וואָס עס גלוסט זיך איהר געוויס נישט צו טהון, ווען זי האָט אַ אָפיציעלען אָבמאַך, אַז זי מעג נעמען די יעצטיגע פּרייזען.

דאַריבער האַלטען מיר, אַז דער קאַמף געגען דער עלעקטראָווניע טאָר זיך בשום אופן נישט בעניגען לאָזען מיט דעמאָנסטראַציעס, פּראָטעסטען און זאָגאַר שטרייקען. דער קאַמף דאַרף אומבעדינגט געפיהרט ווערען אויפ'ן סוחרישען אופן, ווי עס פיהרט זיך, אַז אויב עס איז פערהאַנען אַ קאַרטעל פון אַ געוויסער בראַנזשע (און אַזעלכע זענען פערהאַן ביי אונז אין לאַנד גענוג) וועלכע האָבען גרויסע אַפּעטיטען און נוצען אויס די געבּרויכער פון זייער אַרטיקעל, נעמענדיג פון זיי אונגעהויער הויכע פּרייזען, איז דאָס איינציגע קאַמף-מיטעל צו שאַפען אַ קאָנקורענץ-אינסטיטוציע, וואָס זאָל אַהערשטעלען דיזעלבע אַרטיקלען צו ביליגערע פּרייזען און מעהר צוגענגליכע בעדינגונגען.

אָט דאָס דאַרף זיין די לאָזונג אין קאַמף געגען דער עלעקטראָווניע, די געשאַפענע געזעלשאַפט פון די עלעקטראָווניע-קאָנסומענטען מוז האָבען אויף איהר ערשטען פּלאַן אַנ'אויסגעאַרבייטען פּראָיעקט צו שאַפען אין אונזער שטאָדט עלעקטרישען שטראָם אויסער דער עלעקטראָווניע, אַז די בעפעלקערונג זאָל נישט דאַרפען זיצען אין דער פינסטער, נאָר זאָל האָבען פראַנד ביליגער, און נאָר דאָס איז דאָס איינציגע מיטעל, וועלכעס מוז און וועט ווירקען, אַז די עלעקטראָווניע זאָל זיך צופּאַסען צו די גערעכטע פאָדערונגען פון די היגע קאָנסומענטען.

ווי אַזוי דאָס זאָל געשעהן, דאָס געהער געוויס צו די ספּעציאַליסטען און פאַכמענער אויף דעם געביעט איין זאַך איז אָבער כּדאַי אָנצווייזען, אַז קיין גרויסע אונטערנעהמונגען (זאָגאַר קאָאָפּעראַטיווע) דאַרף מען נישט מאַכען, ווייל עס זאָל נישט זיין וועט דאָך די עלעקטראָווניע געוויס נאָך זיין קאָנקורענץ-פעהיג און אויב זי וועט וועלען ערנידריגען די פּרייזען און קאָנקורירען מיט דעם נייעם אַנשטאַלט, וועט דער לעצטער נישט קענען עקזיסטירען און דאָס אַריינלעגען אַ גרויסע סומע איז דאַריבער זעהר ריזיקאַלוש. עס איז פיעל וויכטיגער צו אָרגאַניזירען קליינע בלאָקען מיט דינאַמאָ - מאַשינען און די דאָזיגע קליינע שפּילקעלעך קענען גיכער צושטעכען דעם גרויסען ריעז און צוברעכען זיין האַרטנעקיגקייט.

בן-חיים

ד"ר דוד קאַגאַן.

עאוגעניק.

— 3. —

ענג מיט עאוגעניק איז פערבונדען דאָס חתונה-פּראָבלעם.

עס איז בעמערקונגס-ווערט, אַז אין דער דאָזיגער הינזיכט בעגעהען אויך יחידים פיעל זינד פון עאוגענישען שטאַנדפּונקט. מען קלויבט זיך אַ פּאַרטנער לויט אונפערערבליכע אייגענשאַפטען, ווי צום ביישפּיעל: לויט'ן פערמעגען און שטאַנד. איינפאַך געזאָגט: דאָמינירען היינט-צו-טאָג געלד און שטאַנד-הייראַטען, אָבער עס דעצידירען קיינמאָל נישט ערב - אייגענשאַפטען פון דער פּערזאָן. אַנ,אַנדער אַרט הייראַטען קומט פאַר אויסשליסליך אונטער'ן איינדרוק פונ'ם יוגענד-רייץ פון דער פּאַרטנערין. אַנאַליזירענדיג אַזעלכע פאַלען קען מען בעמערקען, אַז ליעבע אינ'ם ענגען זין פון וואָרט פעהלט דאָ זעהר אָפט. מען פערגעסט דערביי, אַז אַזאַ רייץ פערגעהט און כּל-ערליי קראַנקהייטס - אייגענשאַפטען, וועלכע געפונען זיך אפשר פערבאָרגט, קענען מיט דער צייט אַרויסטרעטען.

אַמבעסטען זענען שוין פון היגיענישען שטאַנדפּונקט די ראָמאַנטישע ליבעס-הייראַטען, בעוויייל דערביי שפּילט אַ ראָל דער אינסטינקטיווער געפיהל פונ'ם געגענזייטיגען צופּאַסען און דערגענצען זיך—ווי אויך די עסטעטישע הרגשה. עאוגענישע אויפקלערונג קען דערפיהרען צו אַ שטאַרקערער ענטוויקלונג פון די דאָזיגע אונטערבעוואוסטזיניגע געפיהלען.

אַ שרעקליך בילד שטעלט מיט זיך פאָר די צאָהל מינדערוואַרטיגע, קערפּער - און בעזונדער גייסט-קראַנקע אין די דערפער, כאָטש די דאָרפישע בעפעלקערונג געפינט זיך אין געזונטערע בעדינגונגען, ווי די שטאָדטישע. אַ גרויסע מאָס פון שולד טראָגט דאָ אויך דער אופן פון הייראַט, וועלכער באַזירט זיך נור אויף דעם פערמעגענס צושטאַנד. דער פויער „הייראַטעט" אַ פּאָר אַקער-באָדען, אַזוי פיעל און אַזוי פיעל פיה, דאַגעגען אָבער די פרוי קען זיין טויב, שטום, גייסטיג שוואַך ענטוויקעלט אָדער זאָגאַר קראַנק, אַבי נור דאָס פערמעגען זאָל זיין פּאַסענד.

אַ מאָדערנע ערשיינונג זענען די אַזוי-גערופענע זיווגים דורך קאָרעספּאָנדענץ אָדער פערמיטלונג פון צייטונגען. אַלץ הויבט זיך אָן פון אַ פאָטאָגראַפיע, מען פערליבט זיך, נישט זעהענדיג איינער דעם צווייטען — און זעהר אָפט ביז'ן „טויט" אַריין. איך האָב לעצטענס געלעזען אין דער פּרעסע אַ געשיכטע וועגען צוויי יונגע מענשען, וועלכע האָבען זיך פערליבט דורך אַ קאָרעספּאָנדענץ, נישט וויסענדיג אַפילו ווי ביידע זעהען אויס. וואוינענדיג אין פערשידענע שטעדט און צוליעב זייער שלעכטען מאַטעריעלען מצב האָבען זיי זיך נישט געקענט צוזאַמענטרעפען, נישט רעדענדיג שוין וועגען חתונה האָבען—און אָט זענען זיי בעגאַנגען צוליעב דעם זעלבסטמאָרד. איך קען פאַלען, וואו פיעל אַמעריקאַנער בירגער האָבען זיך „אויסגעשריבען" כּלות פון אייראָפּאַ, שטיצענדיג זיך נור אויף זייערע פאָטאָגראַפיעס. עס פערשטעהט זיך, אַז פונ'ם עאוגענישען שטאַנדפּונקט זענען אַזעלכע חתונות לעכערליך.

אויב ביז נישט-לאַנג זענען די אַזוי-גערופענע קאָרעספּאָנדענץ-שדוכים געוועזען כּמעט פרעמד די יודען, האָט מען זיך יעצט גענומען צו דעם דאָזיגען מאָדערנעם אופן. מיר געפינען אין געוויסע יודישע צייטונגען אַ ספּעציעלע רובריק אונטער'ן נאָמען „שדוכים-ווינקעל". אינטערעסירענדיג זיך מיט עאוגעניק. האָב איך געלענקט מיין אויפמערקזאַמקייט אויך אויף די דאָזיגע „ווינקלען", מיינענדיג, אַז פון די געדרוקטע אַנאָנסען וועט מיר געלונגען אַרויסדרינגען דעם געזונד-צושטאַנד פון אונזער יוגענד, וועלכע בילדען אַזוי צו זאָגען דעם גרעסטען טייל אַנאָנסען-געבער. איך האָב דאָס געקענט ערוואַרטען, וואָרום יעדער פון די אַנאָנסען - געבער גיט אָן, אַז ער איז אַנ'ערנסטער מענש מיט ניכטערע אַנשויאונגען אויפ'ן לעבען און בפרט פאַמיליען-לעבען. אָבער, ליידער, בין איך שטאַרק ענטוישט געוואָרען, נישט געפינענדיג אין די קאָרעספּאָנדענצען דאָס, וואָס עס האָט מיך אייגענטליך אינטערעסירט. יעדער גיט אָן, אַז ער איז אַ ברונעט אָדער אַ בלאָנדין פון אַ סימפּאַטישען „ווי מען זאָגט" אויסזעהען, מיט שעהנע אויגען, זעלבסטפערשטענדליך טעמפּעראַמענטפול, שטאַמט פון אַ שעהנער פאַמיליע, דערצו קען יעדער פון זיי טאַנצען אָדער זינגען. מיט איין וואָרט: נור מעלות. יעדער פערזיכערט, אַז ווער עס וועט מיט זיי חתונה האָבען, וועט קיינמאָל קיין חרטה נישט האָבען—דאָס איז נאָך אַ פראַגע. איך האָב דאַגעגען אָבער נאָך נישט געטראָפען, אַז מען זאָל אָנגעבען, דאָס מען שטאַמט פון אַ פאַמיליע, וואָס איז פריי פון טובערקולאָז, אַ פאַמיליע, אין וועלכער עס האָבען זיך קיינמאָל נישט געפונען אַלקאָהאָליקער, אָדער נערוועזישע, גייסטיג קראַנקע, ליידענדע אויף צוקער און אַרטערעטיזם — ווי מיר זעהען נעמט מען לחלוטין אַזעלכע „קליינינגקייטען" נישט אין בעטראַכט.

עס אונטערליגט קיין שום ספק נישט, אַז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבען ביים הייראַט שליסען איז דאָס אָבגעבען זיך אַ קלאָרען דין-וחשבון פון דעם שריט, וועלכען מען געהט טהון. מען מוז דעם פּאַרטנער, ווי אויך זיך זעלבסט גוט אויספּרובירען, נישט איבערלאָזענד'ג אַלץ אויף דער פערלאָבונגס-צייט, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר שוין אַ בעשטימטען צוואַנג.

די היינטיגע פרייערע זיטען גיבען אונז געגענאיבער דעם אַלטען סיסטעם אַ בעסערע מעגליכקייט צו דערקענען אַ מענש. אַמאָל פלעגט אַ מאַנספּערשוין קענען לערנען די פרוי אָדער אין אַ באַל-זאַל אָדער אין אַ שבת-טאָג אונטער דער אויפזיכט פון אַ מאַמע אָדער אַ מוהמע — דאַגעגען אָבער קיינמאָל נישט אין דרויסען ביים ספּאָרט, ביי דער אַרבייט און אַהן אויפזיכט, ווי עס פּראַקטיצירט זיך איצט. יעדע פרייליין, אַפילו פון די אַזוי-צו-זאָגען „בעסערע" קרייזען, וועלכע לערנט אַצינד מעהר ווי האַנד - אַרבייט, עטוואָס שפּראַכען און דילעטאַנטישע קונסט, אָריענטירט זיך יעצט פיעל בעסער אין די פערשידענע היינטצייטיגע וועלט-פּראָבלעמען און איהר אויסוואַהל איז קליגער פון די אַמאָליגע פריילינס, וועלכע האָבען זיך געפונען אונטער דער שטרענגער שמירה און השגחה פון די קאָנסערוואַטיווע עלטערן.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

די אַקטועלסטע פראַגען, וואָס שטעהען אויפ'ן סדר היום זענען הילפס-קאָמיטעט, עלעקטראָווניע און דער ווינטער.

מיר האַלטען שוין ביים סוף פון ווינטער, וועלכער איז אין די ערשטע חדשים געווען אַ זעהר לייכטער און עס האָט זיך אויפגעדוכט, אַז פון דער זייט וועלען מיר כאָטש האָבען געטראָפען. ווי עס ווייזט אָבער אויס מוזען מיר אַדורכמאַכען דעם גאַנצען קורס מיט אַלע זיינע ניואַנסען און פּונקטען.

סוף לוטי איז אָנגעפאַלען אַ גרויסער שניי, וועלכער האָט געהאַמעוועט די באַהן-בעוועגונג און אונמעגליך געמאַכט דעם אויטאָבוסען פערקעהר, לאמור, אַזוי צו זאָגען, פרעהט אייך נישט מענשענס קינדער, וואָרים אויב איך וויל, קאָן איך בעווייזען...

צו וואָס האָב איך אייך דאָס אייגענטליך דערצעהלט, כּדי צו בעווייזען, אַז היות ווי דער הילפס-קאָמיטעט, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט אַ זעקס חדשים'דיגע הילפס-אַקציע. און עס טרעפען זיך אַזעלכע, וואָס ווילען שלום מאַכען מיט זייער געוויסען, אַז מען דאַרף קיין געלד נישט געבען ווייל עס איז אַ לייכטער ווינטער, אַז צוליעב ז'עם וואָס דער ווינטער הויבט אָן צו ווערען שוועהר, זאָל זיך זייער האַרץ פערדרעהען און זיי זאָלען פאַר'ן הילפס-קאָמיטעט יאָ געבען, וואָרים דער ווינטער איז נאָך נישט צו ענדע.

דער זאַמעל טאָג.

אויף דער לעצטער זיצונג פון הילפס-קאָמיטעט איז אָנגענומען געוואָרען צו פּראָקלאַמירען, לויט'ן פאָרשלאָג פון אונזער צייטונג, איין טאָג, וואָס זאָל הייסען אַ „זאַמעל טאָג", וואו אַלע טשענסטאָכאָווער יודען פון גרויס ביז קליין, אָרים און רייך, זאָלען דעם טאָג געבען פאַר'ן הילפס-קאָמיטעט. העשיר לפי עשרו, והעני לפי עניתו, פון 50 גראָשען ביז 5 גילדען מינימום.

עס איז מעהר ווי זיכער, אַז דער טאָג וועט זיין אַ דעצידירענדער צו בעשטעטיגען, אַז עוד עם ישראל חי, אַז דאָס יודישע פאָלק און איבערהויפּט אונזערע טשענסטאָכאָווער יודען האָבען נאָך דעם צלם אלקים נישט פערלוירען און יעדער וועט וועלען האָבען אַ חלק אין דער גרויסער רעטונגס-אַקציע און צוטראָגען זיין אָרימען ברודער די נויטיגע הילף אין דער צייט פון דער גרויסער נויט און סכנות נפשות.

דערביי איז אָבער כאַראַקטעריסטיש דאָס, וואָס צווישען די יעניגע, וועלכע האָבען זיך נאָך נישט דעקלאַרירט פאַר'ן הילפס-קאָמיטעט, געפונען זיך עטליכע גרויסע גבירים, אייגענטימער פון גרויסע הייזער אין דער אַלעע און אין נייען מאַרק און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מען האָט זיך צו זיי געוואָנדען מיט דעקלאַראַציעס האָבען זיי אָבגעזאָגט.

ביי מיר זענען פערצייכענט די דאָזיגע נעמען און אויב איך פערעפענטליך זיי איצט נאָך נישט, איז עס דערפאַר, ווייל איך טראַכט נאָך, אַז טאָמער וועלען זיי נאָך תשובה טהון, און איך וועל זעהען וואָס זיי וועלען טהון אין דעם זאַמעל טאָג.

וימש חושך...

אויף דער לעצטער זיצונג פון קאָנסומענטען פעראיין איז אָנגענומען געוואָרען אַ בעשלוס, אַז אויב די עלעקטראָווניע וועט נישט אַראָבלאָזען פון די פּרייזען, וועט אין מערץ ערקלערט ווערען אַ דעמאָנסטראַציע שטרייק און קיינער זאָל נישט בענוצען קיין פראַנד. — פינסטער זאָל זיין, און דורך דער צייט פון פינסטערניש האָפען זיי אויסצוקעמפען די ליכטיגקייט...

וואָס זאָגט צו דעם אַלעם די עלעקטראָווניע? דערווייל לאַכט זי, זי האָט אַנ'אָבמאַך, זאָגט זי און דאָס איז פאַר איהר גענוגענד, אַז זי זאָל קאָנען צאָהלען איהרע אָנגעשטעלטע און דירעקטאָרען צו 12 טויזענד זל. אַ חודש פּענסיע.

עס איז ריכטיג ווי מען זאָגט, וואָס מעהר אונז ווערט פינסטער פאַר די אויגען (צוליעב די גרויסע רעכנונגען) ווערט זיי אַלס מעהר ליכטיגער.

דאָס זעלבע איז געווען אין מצרים, ווען עס איז געווען די מכּה חושך. די מצריים האָבען געטאַפּט אין דער פינסטער און די יודען האָבען דערווייל געזעהען ווי די מצריים האָבען בעהאַלטען זייער גאָלד און זילבער...

מיט איין וואָרט, עס גרייט זיך אַ קאַמף' אַ קאַמף מיט דער פינסטערניש, מיר ווילען ליכט, אָבער צוליעב דעם גרויסען אָבצאָהל, ווילען מיר האָבען באַדיי פינסטער אין שטוב און ליכטיגער אין דער טאַש.

זונטאָג דאַרף פּראָקלאַמירט ווערען דער גרויסער פּראָטעסט-שטרייק געגען דער עלעקטראָווניע און אויב אַלע וועלען זיך האַלטען סאָלידאַריש, וועט זיין די צווייטע וואָך דער אמת'ער וימש חושך...

די ערשטע פּרובע...

אויב איהר ווילט האָבען אַ בילדעל, ווי אַזוי עס וועט אויסזעהען, בעת דעם דעמאָנסטראַציע שטרייק געגען דער עלעקטראָווניע, האָט מען עס געקאָנט זעהען בעת דעם לינגוויסטען באַל, וואָס איז פאָרגעקומען דעם לעצטען שבת אָוונד.

אין זאַל פון שטאָדט-ראַט (עליו השלום) איז פאָרגעקומען אַ באַל פון די לינגוויסטען. דער זאַל איז בעצירט מיט פערשידענע דעקאָראַציעס, אויך ליכט עפעקטען זענען געווען פערשידענאַרטיגע, דער בופעט איז בעשטעלט מכּל טוב, די טישלעך צושטעלט, די מוזיק שפּיעלט און דער עולם (גראָד אַ פיינע געזעלשאַפט) טאַנצט. פּלוצים, טראַך, די עלעקטריע איז איבערגעריסען געוואָרען און עס איז פינסטער. לכתחילה, האָט מען געמיינט, אַז דאָס איז אַזאַ אַטראַקציע, וואָרים אויף די לינגוויסטען, וואָס זענען שפּראַכען-קענער און בענוצען זיך מיט ווער ווייסט וואָס פאַר לשונות, האָבען אַ טבע צו דעמאָנסטרירען פינסטערניש אויך אַלס אַ האָטענטאָטישע שפּראַך... האָט דער עולם וואָס איז געווען צוגעגרייט צו אַטראַקציעס זיך נישט פערלוירען און ווייטער געטאַנצט. דער קאַוואַליער האָט נאָר פעסטער צוגעדריקט זיין דאַמע, אַז זי זאָל איהם אין דער פינסטער נישט נעלם ווערען... נישט דאָס בין איך אויסען.

נאָר ווען דאָס האָט אַ ביסעל לענגער געדויערט און קיין ליכט האָט מען נישט געזעהען, האָט מען פערשטאַנען, אַז דאָס איז געשעהן אַ מכשול און מען האָט זיך געטרייסט, אַז מן הסתם וועט באַלד ליכטיג ווערען.

די האָפנונג איז נישט מקוים געוואָרען און נישט קוקענדיג דערויף, וואָס מען האָט געבראַכט ספּעציעלע מאָנטערען, האָט מען קיין ליכט מעהר אויפ'ן באַל נישט געהאַט.

באותו הלילה, און די גאַנצע נאַכט האָט מען זיך געוויילט ביי איין אָנגעצינדען ליכט. און פונדעסטוועגען מוז מען מודה זיין, איז דער באַל נישט געשטערט געוואָרען, פערקעהרט, זיי האָבען זיך נאָך אפשר בעסער געוויילט...—ביז אינדערפריה, ווען עס איז געקומען די נאַטירליכע ליכט. (וואו מען דאַרף נישט צאָהלען פאַר'ן ליטשניק און נישט 98 גראָשען פאַר'ן קילאָוואַט) זענען זיי אַהיימגעגאַנגען שלאָפען.

דער דאָזיגער צופאַל האָט געגעבען צו טראַכטען אַלע איינאָרדנער פון די

פוילען אויפ'ן פראגער יריד.

פון אונזער פראגער קארעספאנדענט

פ. לאגשטיין.

פון אלע מעסען פון דער גאנצער וועלט, וועט בלויז פראג האבען די זכיה, אז פוילען זאל זיך אפיציעל בע-טייליגען מיט אנ'אייגענער אויסשטע-לונג אויפ'ן קומענדיגען. אויף דער יע-צטיגער פראגער מעסע, וואס הויבט זיך אן דעם 13 מערץ ה. י. וועט צום ערשטען מאל געעפענט ווערען אנ'איי-גענע אויסשטעלונג פון פילמען און פון דער פילם-בראנזשע.

אנהויבענדיג פון ערשטען פרוב פון דער פילם-אינדוסטריע ביז צום היינ-טיגען טאן-פילם, וועט מען צום ערש-טען מאל קענען זעהען דעם גאנצען פראצעס, וועלכען די פילם-אינדוסטריע האט אדורכגעמאכט ביז זי איז געקו-מען צו איהר היינטיגען צושטאנד.

אינטערעסאנט וועט אויך זיין צו זעהען ווי אזוי די גרויסע פילם-פיר-מעס האבען זיך געגרינדעט און וועל-כען וועג פון צרות און לייד זיי הא-בען געמוזט אדורכמאכען ביז זיי הא-בען זיך ענטוויקעלט. דערצו קומט נאך דער גרויסער, שווערער קאמף, וועלכען ס'פיהרען די גרויסע געזעל-שאפטען, קאנקורירענדיג איינע מיט דער צווייטער.

די גאנץ גרויסע קינא-סטארען, וועל-כע געפונען זיך יעצט אין אייראפא, ווי למשל עמיל יאנינגס און אנדערע, וועלען אין בעזונדערע פעראנשטאלטונ-גען אויפטרעטען אין זייערע פערשידע-נע ראלען, וועלכע האבען זיי בעריהמט געמאכט אויף דער גאנצער וועלט.

מיטן איינפיהרען דעם טאן-פילם איז פאר יעדען פאלק קלאר געווארען, אז יעצט איז די פאסיגע צייט, אז די אייגענע, נאציאנאלע, גרעסערע און קלענערע שוישפילער זאלען ווייזען וואס זיי קענען און אזוי ארום איינגע-מען א פלאץ, וועלכער זאל זיי און דאס גאנצע לאנד בעקאנט מאכען אויף ארבע פנות העולם.

אויפ'ן פראגער יריד וועט יעדעס פאלק, אנגעהויבען פון אמעריקא, דייטש-לאנד, שוועדען ביז לעטלאנד אויס-שטעלען איהר פילם - פראדוקציע אין אייגענע פאווילאנען און אויסשטעלונגען בכדי צו ווערבירען פאר איהר נאציא-נאלער פילם-אינדוסטריע און פאר איה-רע אייגענע קינסטלער.

פוילען וועט אויסשטעלען עטליכע טויזנד בילדער פון איהרע אייגענע פילמען און קינסטלער, ווי קעפורא און אנדערע, וועלכע האבען שוין א שם אין דער אינטערנאציאנאלער פילם-וועלט און א טייל זענען נור בעקאנט אין זייער אייגענעם לאנד.

די גאנצע אינטערנאציאנאלע פילם-וועלט וועט אויפ'ן יעצטיגען פראגער יריד קענען זעהן ווי ווייט די איינ-צעלנע לענדער האבען זיך ענטוויקעלט אין פילם-פאך און וואס זייערע קינסט-לער קענען לייסטען.

עס וועט זיין אנ'אינטערעסאנטע אויסשטעלונג, אויף וועלכער די וועלט איז שטארק נייגיריג.

וואך שמועסען.

קאמף פאר ליכט.

אזוי איז שוין דער גורל פון אלערליי מענשליכע עראייגניסען פון די פערשי-דענסטע גרויסע ערפינדונגען, וועלכע זענען אין פערשידענע צייטען דורך גרויסע מענשען געמאכט געווארען — צו דינען פונקט פערקעהרטע ציעלען ווי די, פאר וועלכע זיי זענען אין אנ-הויב, לכתחילה, בעשאפען געווארען.

אפשר ליגט אין דעם א גרויסער אמת פון דער בעגרעניצטקייט פון מענשליכען „איך", וועלכער קען נישט גלייכצייטיג פאר זיינע ערפינדונגען, שאפען די בעווארענישען, אז זיי זא-לען נור פאר דעם אדער יענעם צוועק בענוצט ווערען.

אפשר ליגט אין דעם א טייל פון דער אייביגער מענשליכער טראגעדיע, וואס הייסט דעם מענשען שאפען לכת-חילה גרויסע זאכען, וועלכע ווערען אבער שפעטער פערוואנדעלט אין זיי-נע פערניכטער.

און — אפשר ליגט א גרויסער טייל דערפון אין תוך, אין עצם פון דער יעצ-טיגער געזעלשאפטליכער ארדנונג און איהרע פארמען.

אבער אזוי איז עס און נישט אנ-דערש; דער גרויסער מענש שאפט גרוי-סע זאכען, וועלכע ווערען אבער דורך די קליינע מענשען פערוואנדעלט אין אינטערעסען און אריינגעצויגען אינ'ם קאמף פון גרופען און קלאסען.

איבער א יאהרהונדערט זענען גע‍זע-סען גרויסע שעפער און זיך געגריבעלט אויסצוגעפונען אנ'אופן ווי אזוי צו פער-וועגדען די פערהאנענע נאטור - כוחות פון עלעקטריציטעט פאר דעם מענש-ליכען פערברויך און דאפון צו ציהען ליכט.

דעווי, וועלכער האט אין יאהר 1813 דער ערשטער ערפינדען דעם געדאנק, וועגען אריינציהען א געווי-סען קוואנטום עלעקטרישען שטראם און א כלי און דאס פערוואנדלען אין ליכט האט זיכער געהאט פאר זיין מוח דעם לייכטענדען געדאנק וועגען בע-לויכטען די מענשהייט אין דער פינס-טערער צייט, ווען די זון פערלאזט אונז אויף א ווײלע.

די שפעטערדיגע נאכפאלגער און ווייטערדיגע וויסענשאפטס - פערפאלקא-מענער, ווי עדיסאן און סימאנס האבען ווי ביי די פערשידענסטע וויסענשאפט-ליכע ארבייטען שטענדיג געזעהען פאר זיך, ווי אזוי זייערע אנשטרענגונגען און מיה, וועלען ווערען דאס געגוס פון דער גאנצער מענשהייט.

זיי, די שעפער פון ליכט האבען פאר זיך געזעהען אלץ פון דער ליכ-טיגער זייט, ווארום אויך זיי זענען דאן סוף-כל-סוף בלויז מענשען אין סו-ביעקטיוועך זין פון ווארט.

אבער קיינעם פון זיי איז געוויס נישט איינגעפאלען, אז גראד זייערע ערפינדונגען וועלען שפעטער דורך א קליינער גרופע פערוואנדען ווערען אלס אויסנוצונגס-מיטעל אקעגענאיבער דעם גרויסען כלל פון דער בעפעלקערונג.

און אט איז אונזער שטאדט טשענ-סטאכאוו אויסגעפאלען דער גורל צו קעמפען געגען דעם דאזיגען סיסטעם, אונזער שטאדט איז איינע פון די איינצי-גע, וואס ליידט דערפון אממעהרסטען.

עס איז אפשר גאנץ כאראקטעריס-טיש פאר דעם וועזען פון אונזער גע-זעלשאפטליכען לעבען אויפ'ן ארט, ווא-רום אויב אין געביעט פון קאמף געגען פינסטערניש און פאר'ן פערשפרייטען ליכט און בילדונג, ווי איבערהויפט קולטור-ארבייט צווישען דער היגער בעפעלקערונג—ווערט ביי אונז גארנישט געטהון, האט דער גורל פון אונז פער-לאנגט, אז מיר זאלען קעמפען פאר אנדער ליכט, פאר... עלעקטרישע ליכט, פאר'ן „דעמאקראטיזירען" און צוגענג-ליך מאכען פאר אלעמען דאס געניסען פון די גרויסע ערפינדונגען און לייס-טונגען פון די גרויסע מענשען.

און אויב די שעפער פון בעלייכטונג דעווי און שפעטער עדיסאן און סי-מאנס, וואלטען געוואוסט, אז אונזער טשענסטאכאוו וועט אויסקומען צו קעמ-פען פאר'ן פערשפרייטען און מעגליך מאכען דאס געניסען פון זייערע ערפינ-דונגען פאר די ברייטע קרייזען פון דער בעפעלקערונג, וואלטען זיי געוויס פאר אונזער שטאדט געשאפען נייע ערפינדונגען, אזוי, אז מען וואלט נישט געדארפט צו געניסען פון בע-לייכטונג פון דער היגער עלעקטראווניע —דאס וואלט אפשר געווען דאס איינ-ציגע קאמפט-מיטעל געגען דער „פינס-טערקייטס - טענדענץ" פון דער היגער עלעקטראווניע.

ווארום עס ווילט זיך ווענינ וואס גלויבען, אז אונזער שטאדט זאל אפילו אויך אין דער הינזיכט פון קאמף פאר ליכט בעווייזען וואס אויפצוטהון.

עס הערשט צופיעל - אבהענדיגקייט.

לאזאר

ביי נידערגעשלאגענע מענשען, אונפעהיגע צו דער ארבייט, ברענגט א פרייע צירקולאציע פון בלוט און הויבט די געדענק-און ארבייטס-פעהיג-קייט דאס נאטירליכע ביטער-וואסער
F anc szka Józefa

די גאנצע וועלט האלט אין איין איינשפארען

אפילו די קעניגליכע הויפען מוזען איצט שפארען.

אין דער לאנדאנער פרעסע האבען זיך בעוויזען אינטערעסאנטע פרטים וועגען דער איינשפארונגס-אקציע, וואס ווערט געפיהרט איצט אויף די הויפען פון די נאך איבערגעבליבענע מאנאר-כען. דער קריזיס, ווייזט אויס, האט שוין דערגרייכט צו די גאר „הויכע פענסטער".

ביז סעפטעמבער פוריגעס יאהר האט די ציווילע ליסטע פון קעניג געארג בעטראפען 15 מיליאנען זלאטעס יעהר-ליך. פון דאמאלס אן אבער זענען זיי-נע איינקונפטען געווארען שטארק קלע-נער. אויף זיינע פערזענליכע אויסגא-בען גיט דער קעניג אויס נישט מעהר ווי 780 טויזענד זלאטעס א יאהר. אויך די אויסגאבען אויף אויסצוהאלטען דעם אויף רעפרעזענטאנץ-אויסגאבען א. א. וו. זענען שטארק רעדוצירט געווא-רען.

די באנקעטען, קעניגליכע אויפנאה-מעס און פייערליכקייטען לכבוד הויכ-געשטעלטע געסט זענען בעגרעניצט ביז גאר.

קעניג געארג האט זיין שפאר-אקציע אזוי ווייט דערפיהרט, אז ער האט שוין עטליכע פון זיינע קעניגליכע שלעסער פערקויפט. אויך האט ער פערקויפט עטליכע פערד פון זיין בעריהמטער שטאל. דאגעגען איז קיין איינציגער פון די קעניגליכע דיענער און אנגע-שטעלטע נישט אבגעזאגט געווארען פון זייערע פאסטענס

הגם דער איטאליענישער קעניג איז דער רייכסטער בירגער אין זיין לאנד און ווערט בכלל פערעכענט אלס איי-נער פון די רייכסטע מענשען אויף דער וועלט, האט ער זיך אויך אנגע-שלאסען צו דער אבשפארונגס-אקציע, וועלכע עס האט אנגעהויבען צו פרא-פאגירען מוסאליני. די קעניגליכע ליס-טע בעטרעפט אינגאנצען פינף מיליאן זל. (א חוץ זיינע פריוואטע הכנסות פון די קעניגליכע גיטער, פונדעסטווע-גען לעבט דאס קעניגליכע פאר זעהר שפארזאם און זייערע אבשפארונגען בעטרעפען שוין ריזיגע סומעס.

דער בעלגישער קעניג האט עטליכע מאל פארגעלייגט, מען זאל איהם רע-דוצירען די ציוויל-ליסטע, וואס בע-טרעפט 11 מיליאן זל. יעהרליך, אבער דער מיניסטארען-ראט האט דאך בע-שלאסען איהם נישט צו פערקלענערען זיינע הכנסות. דעריבער האט קעניג אלבערט בעשלאסען אויף אייגענער האנד צו מאכען אכשפארונגען. ער האט אבגעשאפט אלע פארגעשריבענע אויפ-נאהמעס און פערוויילונגען. אפילו דער גרויסער יעהרליכער קעניגליכער באל, וואס קומט שטענדיג פאר אין דעקאבר, איז היי-יאהר אבגעשאפט געווארען צו-ליב אבשפארונגס-טעמים. דער גרעסטער טייל פון זיינע אבשפארונגען געהט לטובת די נויט-ליידענדע און וואויל-טעטיגע אינסטיטוציעס. אליין פיהרט דער קעניג זעהר א בעשיידענעם לעבען.

דער רומענישער מלך איז א מוס-טערהאפטער בירגער פון זיין לאנד. צוזאמען מיט אלע בעאמטע האט ער אויך זיין „געהאלט" פערקלענערט אויף צוואנציג פראצענט און זיין ליסטע בעטרעפט איצט „נישט מעהר". ווי אנדערטהאלבען מיליאן זל. יעהרליך. פריוואט איז ער אבער זעהר א רייכער מאן און זיינע הכנסות פון די גיטער ברענגען איהם אריין גרויסע ריוחים.

די בולגארישע דינאסטיע געהערט צו די „ארימסטע" אין אייראפע. די „פענסיע" פון קעניג באריס בעטרעפט נישט מעהר ווי 180 טויזענד זל. א יאהר. פונדעסטוועגען האט ער ארויסגעוויזען זיין גוטען ווילען און געהייסען רעדו-צירען זיין ציווילע ליסטע אויף 120 טויזענד זל. דערביי דארף מען וויסען, אז דאס איז די איינציגע הכנסה זיינע, מחמת קעניג באריס בעזיצט נישט קיין שום פריוואט-פערמעגען און האט נישט קיין שום „זייטיגע" פערדינסטען. אויך די קעניגין און די פרינצעסינס האבען שטארק רעדוצירט זייערע געהאלטען. א פרינצעסין בעקומט איצט קוים 4200 זל. א יאהר. און איז פשוט נישט אומשטאנד זיך צו ערלויבען אויף א שענערען טואלעט. מען זעהט טאקע נישט די פרינצעסינס טראגען קיין פא-ריזער מאדעלען און מעהרסטענטייל געהען זיי אנגעטהון אין בעשיידענע קליידער פון היימישער אויסארבייטונג. היי-יאהר זענען אבגעשאפט געווארען אלע אפיציעלע בעלער - אויפנאהמעס און פייערליכקייטען.

די ציווילע ליסטע פון קעניג אלעק-סאנדער בעטרעפט דריי מיליאן זל. יעהרליך. איצט ווערט אויסגעארבייט א פראיעקט ביי דער רעגירונג איהם צו פערקלענערען די ליסטע. דערווייל האט מען דעם קעניג די פענסיע נאך נישט רעדוצירט, ווייל ער האט זיך בעקלאגט, אז זיינע פריוואטע הכנסות פון די גיטער האבען זיך געוואלדיג פערקלענערט. אויך דא האט מען ווי אין בולגאריען רעדוצירט די שכירות פון די הויף-אנגעשטעלטע אויף 10 פראצענט.

אויך די מלאכים פון צפון-אייראפע האבען שטארק רעדוצירט זייערע צי-ווילע ליסטעס. דער שוועדישער קעניג גוסטאוו, דער דענישער קריסטיאן און נארוועגישער האאקאן פיהרען זעהר א בעשיידען לעבען; אזוי ווייט, אז קעניג קריסטיאן האט בעשלאסען היי-יאהר צוליעב שפארזאמקייטס - טעמים נישט צו פאהרען אויף דער ריוויערא און דאס געלד פערווענדען פאר נויט-בעדערפטיגע. (ג. י.

בעלער, וואס וועלען נאך פארקומען אין משך פון ווינטער, (און פארקומען וועלען נאך א סך, זעהר א סך) אז זיי זאלען איבערהויפט קיין עלעקטריש ליכט נישט בענוצען. די געסט וועלען זיין מעהר צופרידען און עס וועט זיין א מעלה צום ערפאלג. מען דארף נאר מעלדען, אז קיין עלעקטריש ליכט וועט נישט זיין און דער ערפאלג וועט זיין א געזיכערטער...

ווי עס זאל אבער נישט זיין, די ערשטע פרובע, ווי אזוי מען קאן קאן אויסקומען אהן עלעקטריש ליכט, איז שוין פארגעקומען ביים לינגוויס-טען באל, וואס האט זיך אגב זעהר גוט איינגעגעבען.

עס וואונדערט מיך...

דער זקנים און יתומים הויז, האט איינגעארדענט אויף דעם פערגאנגע-שבת אוונד א קאנצערט לטובת זייער אינסטיטוציע.

אויף די אפישען און די אנאנסען איז געווען געמאלדען, אז עס וועט זינגען דער היגער שטאדט חזן ה' יוסף באדאש און נאך איניגע אמאטארען.

וואונדערט מיך זעהר פארוואס האט מען די היגע אמאטארען ארונטערגע-נומען אונטער א טלית עם כל הנערים און נישט אויסגערעכענט זיי ביי די נעמען, ווארים וויפיעל מיר איז בע-וואוסט, האבען מיר אזעלכע זינגער, וואס מען דארף זיך נישט שעמען זיי ארויסצושטעלען אויפ'ן אפיש.

און נאך מעהר וואונדער איז פאר וואס אויף דעם קאנצערט איז נישט איינגעלאדען געווארען דער בעוואוס-טער זינגער ה' שמידט, וועלכער האט מיט זיינע אויפטריטען אויף פערשיע-דענע קאנצערטען געהאט א גרויסען ערפאלג און וועלכער איז ווירקליך דער בעסטער זינגער צווישען אלע היגע זינגערס.

און נאך וואונדערט מיך, וואס אפי-לו דער בעקאנטער דיריגענט ה' זאקס, וועלכער האט אגב הערליך שעהן א-קאמפאנירט, האט זיך אויך נישט גע-פונען אויפ'ן אפיש.

סודות, רזין דרזין, זענען דא געוועזן ביי דעם דאזיגען קאנצערט, וועלכער האט געמוזט ביי אזא פאליטיק א דורכ-פאל האבען. און עס וואונדערט מיך טאקי וואס מען איז אזוי לייכטזיניג, אז מען ארדענט איין א קאנצערט און מען האט נישט אין זינען די טובה פון דער זאך.

ה' י. באדאש, עס וואונדערט מיך זעהר...

זיי האבען מנצח געווען.

אין דער צייט, ווען אלע געזעלשאפ-טען, סיי פילאנטראפישע, סיי קולטו-רעלע, ווי אויך ספארט - געזעלשאפטען זענען עוסק נאר אין איינארדנען בע-לער, איז די איינציגע געזעלשאפט וואס טהוט נאר איהר אייגענטליכע ארבייט איז דער יודישער טורן און ספארט-פעראיין.

דעריבער איז טאקי נישט קיין וואונ-דער, וואס זי שטעהט אויף דער הויך פון איהר אויפגאבע און זי געהט פון איין נצחון צום צווייטען.

פערגאנגענעם שבת איז פארגעקומען א נעץ-באל-מעטש צווישען יודישען טורן און ספארט - פעראיין מיט דער שטארקער פוילישער „וויקטאריא".

פון פוילישען פעראיין זענען געקו-מען פערעהרער, וועלכע זענען געווען זיכער אין זייער זיעג איבער די זשי-דקעס. דער רעזולטאט איז אבער, אז אונזערע האבען מנצח געווען. 12 געגען 8 האבען אונזערע נצוואונען.

אונזערע יונגלעך און איבערהויפט די מיידלעך, אונזערע יודישע טעכטער האבען געקעמפט מיט פערביטערונג און מיט עכט יודישער עקשנות און חאבען סוף כל סוף מנצח געווען.

די פוילישע געסט זענען אהיימגע-גאנגען אבל וחפי ראש און מיט פער-ביסענע ליפען געקריצט מיט די צייהן אויף די חוצפה'דיגע יודען, וועלכע הא-בען זיי בעזיעגט. און איך? איך צוזא-מען מיט די יודישע בעזוכער, בין גע-ווען שטאלץ אויף אונזער חברה, וואס לאזט זיך נישט בעזיגען.

צוליעב א אייזערנעם אויווען ברעכט אויס א מלחמה אין ראדאשיצער שטיבעל.

צוליעב מאנדזשוריען איז אויסגע-בראכען א מלחמה צווישען יאפאן און כינא און אין היגען ראדאשיצער שטי-בעל איז שיעור אויסגעבראכען א מל-חמה איבער אנ'אייזערנעם אויווען.

אין ראדאשיצער שטיבעל איז כל ימיו געווען א קאפעל-אויווען, וועלכער האט דערוואר‍מט די קאלטע גלידער פון די חסידים.

דארט האט אויך געלערנט א גאנ-צען טאג ר' מענדיל ז., וועלכער האט א הנאה געהאט פון אויווען, עד שבא ר' איטשע ק., וועלכער איז לעצטענס געווארען א מתפלל אין ראדאשיצער שטיבעל און ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל אריינשטעלען אנ'אייזער-נעם אויווען. רעהרען האט ער אליין געקויפט.

ויהי היום, איינמאל, ווען מען קומט צום דאווענען והילד איננו, דער אוי-ווען איז פערשוואונדען. האט ר' איטשע חושד געווען ר' מענדלען, אז ער האט דעם אויווען ארויסגעווארפען. ויסגר את חדלת, האט ער פערשלאסען די טהיר און דעם שליסעל גענומען צו זיך. ויהי כאשר בא, ווען ר' מענדיל איז געקומען, ווי דער שטייגער איז, לערנען, האט ער געטראפען והדלת סגור ומסוגר, האט ער געעפענט מיט אנ'אייגענעם שליסעל און זיך אוועקגע-זעצט לערנען. ויחר אפו, האט זיך ר' איטשע געבייזערט אויף ר' מענדלע'ן הלמאי ער האט געעפענט די טהיר כדי צו לערנען תורה, האט ר' מענדיל זיך אבגעטראגען פון ראדאשיצער שטיבעל און זיך אויסגעזוכט אנ'אנדער ארט צום לערנען.

דער שטיבעל עולם איז אבער גע-ווארען אין כעס אויף ר' איטשען, הלמאי, ער האט ארויסגעטריבען א תלמיד חכם אינדערצייט ווען יענער איז נישט שולדיג אין דער גאנצער „אפערע" מיט'ן אייזערנעם אויווען איז דעם פערגאנגענעם פרייטאג צו נאכטס אויסגעבראכען א מחלוקה און עס זע-נען געפלויגען, (נישט קיין באמבעס) נאר זידעל ווערטער ווי עס פאסט אין א שטיבעל...

צומארגענס ביי שלוש סעודות האט מען אנשטאט צו זינגען בני היכלא, איינגעארדענט א בוררים געריכט און מען האט געקנסט ר' איטשען מיט 10 זלאטעס שטראף אויף וואוילטעטיגע צוועקען.

אויב ר' איטשע וועט נישט מקיים זיין די ארויסגעשיקטע צו איהם נאטע, האט מען זיך צו ריכטען איה"ש פריי-טאג צו נאכטס אויף א ווידערהאלונג פון דער מלחמה און אלץ צוליעב דעם אייזערנעם אויווען...

לויתן.

אַ ריוויערא אין ארץ-ישראל ביים „ים המלח“

אַ גרויסע ענגלישע געזעלשאַפט וואס ציהט פּאַטאַש פון ים המלח אין פּאַלעסטינאַ, האָט זיך איצט גענומען בויען אַ גרויסען, פּראַכטפולען מאָדערנעם האָטעל ביים צפון-ברעג פון יענעם ים און פערוואַנדלען די געגענד אין אַ פערגעניגענס-פּלאַץ פאַר רייכע טוריסטען.

פּאַלעסטינאַ ציהט צו זיך טוריסטען פון דער גאַנצער וועלט, יעדער איינער איז טשיקאַווע אַ קוק צו טהון אויף די אַלטע היסטאָרישע פּלעצער, אויף די נעמען פון שטעדט, דערפער און פּלעצער, וואס ער האט קינדווייז געלערנט אין חומש.

איז אָבער אַ צרה, וואס פּאַלעסטינאַ איז מייסטענס נישט קיין ציוויליזירטער ישוב. דער רייזענדער געפונט נישט קיין ריינעם, מאָדערנעם האָטעל, וואו איינצושטעהן, מ'ליידט שרעקליך פון פליגען, פון אומריינקייט און אויך טאָקי פון אומבעקוועמליכקייט אין די אַלט-מאָדישע אכסניות, וואס זענען געבויט און געפיהרט אויף דעם מזרח-שטייגער. אויך איז דער פאַרקער דאָרט שטענדיג געווען אַ שווערער.

אין די לעצטע פאַר צעהנדלינג יאהר אָבער, איבערהויפּט נאָך דער מלחמה, זענען פאָרגעקומען אַ סך ענדערונגען. דער נאָהנטער מזרח זוכט צו ציוויליזירען זיך. אַראַבער־רייסלען פון זיך דעם טיפען שלאָף פון טויזענדער יאָהרען. דאָרט לויפען שוין איצט אויטאָמאָבילען, ס'פליהען אַעראָפּלאַנען, מ'לעגט דורך נייע אייזענבאַהנען.

אַזוי ווי דער פערקעהר ווערט יעצט ביסלעכווייז בעסער, דאַרף מען זעהען שאַפען די צווייטע בעקוועמליכקייט פאַר דעם רייזענדען — מאָדערנע האָטעלען. אויף אַזאַ אופן האָפט מען צוצוציהען טוריסטען, וועלכע וואָלטען געוואָלט בעזוכען דאס אַלטע היסטאָרישע ביבלישע לאַנד, וואס איז פערבינדען מיט די יונגע חלומות כמעט פון יעדען קינד אין אונזער ציוויליזירטער וועלט.

די ענגלישע געזעלשאַפט האט אויסגעקליבען דעם ברעג ביים ים המלח אויף אָוועקצושטעלען דאָרט אַ גרויסען מאָדערנעם האָטעל, ווייל דער פּלאַץ איז זעהר פּאַסיג פאַר דעם. אַ סך טוריסטען קומען צום „געזאַלצענעם ים“ זיך באָדען. ווען מען זאָל בעזייטיגען די אומבעקוועהמליכקייטען, וואס די באָדענדע טוריסטען האָבען דאָרט, איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דאס וואָלט צוגעצויגען גרויסע מאַסען טוריסטען. די קאָמפּאַניע וועט אויפבויען נישט נאָר אַ מאָדערנעם האָטעל, נאָר וועט אויך מאַכען אַ פּלאַזשע, אַ גאָלף-קאָרט און פיעל אַנדערע פערוויילונגען, ווי אויף דער פראַנצויזישער ריוויערא און עהנליכע פערגעניגענס-פּלעצער, וואוהין עס לויפען טויזענדער און צעהנדלינגער מענשען אַבצורוהען זיך און געניסען געזונד.

דער „טויטער ים“ אָדער דער ים המלח, ווי ער ווערט גערופען אין חומש, איז אייגענטליך נישט קיין ים, נאָר אַ גרויסע אָזערע. דאס איז אָבער די מערקווירדיגסטע אָזערע אין דער וועלט. זי ליגט זעהר נידריג, מיט 1300 פוס נידריגער פון דעם אויבערפלאַך פון דעם מיטלענדישען ים (און 3400 פוס נידריגער פון ירושלים) דערצו איז דאס וואַסער אין ים המלח זעהר אַ געזאַלצענס און דעריבער שווערער. 33 פּראָצענט פון וואַסער, ס'הייסט כמעט אַ פערטיל, בעשטעהט פון זאַלץ און אַנדערע שווערע מינעראַלען.

דאס וואַסער איז אַזוי געדיכט און שווער, אַז ס'איז פשוט אונמעגליך פאַר אַ מענש צו דערטרינקען זיך דאָרט. מ'ציהט זיך אויס אויפ'ן וואַסער און מען קען ליגען רוהיג ווי אַ שווימענד שטיק האָלץ אָדער קאָרעק.

און אַ געזאַלצען וואַסער מיט מינעראַלען איז זעהר געזונד פאַר'ן קערפער, בעזונדערס פאַר אַזאַלכע, וואס ליידען פון געוויסע קראַנקהייטען, ווי רעוומאַטיזם, נעווראַלגיע און עהנליכע און נויטיגען זיך אין געזאַלצענע מינעראַל-בעדער.

דער פּלאַץ, וואו דער האָטעל ווערט אויפגעשטעלט, איז דער צפון-ברעג פון ים-המלח. דאָרט פאַלט אַריין דער ירדן. ארום און אַרום איז די געגענד אָנגעפּיקעוועט מיט היסטאָרישע און ביבלישע פּלעצער.

אין קאַמף מיט דער עלעקטראָווניע.

דער קאַמף געגען דעם אויסנוצען די היגע בעפעלקערונג דורך דער עלעקטראָווניע, ווערט לעצטענס געפיהרט אין אַ ברייטער פאָרם.

פּויריגע וואָך איז פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג אין וועלכער עס האָבען זיך בעטייליגט פערטרעטער פון אַלע היגע יודישע און פּוילישע ווירטשאַפטליכע פעראיינען, אויף וועלכער עס איז נאָך אַ קלענערער דיסקוסיע בעשלאָסען געוואָרען זיך צו ווענדען צו דער עלעקטראָווניע מיט פאָלגענדע פאָדערונגען:

1) די פרייזען פון בעלייכטונג זאָלען פערקלענערט ווערען פון 98 אויף 50 גראָשען פאַר אַ קילאָוואַט,

2) פערקלענערן דעם פרייז פון שטראָם פאַר אינדוסטריע-צוועקען מיט 35 פּראָצענט.

4) פערקלענערן דעם פרייז פון אָבצאָהל פאַר ליטשניקעס.

דאַן איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצווענדען בעמיהונגען אין מיניסטעריום פאַר עפענטליכער אַרבייט וועגען אַדורכפוהרען אַ רעוויזיע פון דער קאָנצעסיע פון דער עלעקטראָווניע.

די אַנוועזענדע פערטרעטער פון מאַגיסטראַט האָבען אין נאָמען פון מאַגיסטראט ערקלערט, אַז זיי וועלען אונטערשטיצען אַלע בעמיהונגען פון די קאָנסומענטען און וועלען זיך סאָלידאַריזירען מיט דעם שטרייק און נישט בעלויכטען די גאַסען און אַלערליי שטאָדטישע אינסטיטוציעס.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אין דער נייער פערוואַלטונג פון קאָנסומענטען-פעראיין זאָלען אַריין: ה' שטילער, פּראַנקע, פּראַפּאָרט, באָגוסלאַווסקי. דער פעראיין בעשליסט גלייכצייטיג, אַז קיין שום וויסטאַוועס פון די געשעפטען זאָלען נישט בעלויכטען ווערען, וואס עס איז דורך אַלע היגע געשעפטס-אייגענטימער ווי געהעריג אָבגעהיט געוואָרען.

דער טערמין פון ענטפער פון דער עלעקטראָווניע איז בעשטימט געוואָרען ביז דעם 26 ד. ח.

אינפאַל, ווען די עלעקטראָווניע וועט אָבזאָגען, איז בעשלאָסען געוואָרען אין די טעג פון 2 און 3 מערץ אַ 2-טאָגיגער דעמאָנסטראַציע-שטרייק אין דער גאַנצער שטאָדט.

אין דער דאָזיגער צייט וועלען קיין שום וואוינונגען און לאָקאַלען נישט בעלויכטען ווערען, אויסער שפּיטאַלען און אין אַ גאַנץ קליינער מאָס די גאַסען.

עס ווערט אויך בעשלאָסען צו רופען אַן אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון די קאָנסומענטען.

זונטאָג אַ גרויסע מאַסען-פערזאַמלונג

זונטאג, דעם 28 ד. ה. 3 נאָכמיטאג קומט פאָר אין זאַל פון די פייערלעשער אַ גרויסער מאַסען-מיטינג פון די קאָנסומענטען, אויף וועלכען עס וועט בעהאַנדעלט ווערען די זעהר ברענענדע פראַגע און עס וועלען אָנגענומען ווערען די געהעריגע בעשלוסען אויף וועלכען אופן און מיט וועלכע מיטלען דער קאַמף זאָל אָנגעהויבען ווערען.

עס איז אונבעדינגט דער חוב פון אַלע היגע איינוואוינער, וואס בענוצען זיך מיט עלעקטרישען שטראָם, אַז אַלע ווי איינער זאָלען זיי קומען אויף דעם דאָזיגען מאַסען-מיטינג, כדי אויסצודריקען זייער שאַרפסטען פּראָטעסט און מיטצוהעלפען, אַז דער קאַמף זאָל האָבען דעם נויטיגען ערפאָלג לטובת דער היגער בעפעלקערונג.

זעזאָנגיעס וועגען דעם הכנסה-שטייער — דעם 1 מאַי.

פון היגען שטייער-אַמט האָבען מיר בעקומען צוגעשיקט צום פערעפענטליכען די פעראָרדנונג פון קריעגס-מיניסטעריום דאַטירט פון 6 ד. ח. אַז דער טערמין פון בעלעגען זעזאָנגיעס וועגען הכנסה-שטייער ווערט אָבגעריקט פון 1 מערץ אויפ'ן 1 מאַי.

קולטור-אַרבייט ביי די האַנדווערקער

פערגאַנגענע וואָך האט געהאַלטען אַ רעפעראַט דער ה' אינזש. פּשיסוסקער א. ד. ט. די כוואַליע פון ענערגיע, קרעפטען פאַר דער אינדוסטריע און האַנדווערקערטום.

מאָרגען, שבת 8 אָוונד וועט האַלטען אַ רעפעראַט פּרעזעס דר. גייזלער א. ד. ט. „אַנשטעקענדע קראַנקהייטען“ אַלע האַנדווערקער ווערען געבעטען צו קומען.

אַ נייער, נוצליכער אַנשטאַלט ביים „טאָז“.

שוין פון לאַנג בעמיהט זיך די לייטונג פון טשענסטאָכאָווער „טאָז צו עפענען אַ טראָפּען מילך פונקט ביי דער קינדער-סטאַציע, אַלס אַ וויכטיגע הילפס-אינסטיטוציע, וואס האט די אויפגאַבע צו בעזאָרגען מיט אַ ראַציאָנעלער דיעטע די קינדער, וואס זייערע מוטערס קענען זיי גישט דערנעהרען אָדער אין אַ נישט-גענוגענדער מאָס.

די בעמיהונגען זענען טראָץ דעם שווערען קריזיס געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג און אַ דאַנק דער מיטהילף פון „טאָז“ ווערט דער „טראָפּען מילך“ געעפנט שוין דעם 1 מערץ.

ברייטער וועגען די אויפגאַבען פון „טראָפּען מילך“ און זיין נוצליכקייט אינ'ם קומענדען נומער פון אונזער צייטונג.

אַ טיכטיגער פערטרעטער

אין גאַלאַנטעריע-בראַנזשע (פערקויפט פאַר קאַסע) זוכט פערטרעטונג פון גאַלאַנטעריע אָדער אַנדערע אויסאַרבייטונגען אויף מזרח גאַליציע.

גוטע רעפערענצען.

ערקונדיגען אין רעדאַקציע, ג. מ.

זי האָט זיך נישט געקענט פון שמערצען ריהרען.

איצט איז זי פטור אינגאַנצען פון רעוומאַטיזם.

וואָס פאַר אַ שרעקליך געפיהל נישט קענען אַליין אויפשטעהן פון בעט! אַזוי שטייף זענען די הענד און די פיס! — נישט פעהיג צו דער אַרבייט—דאָס איז אַ קרבן פון רעוומאַטיזם.. אָבער היינט איז זי ווייטער פריש און בעוועגליך ווי פריהער און פיהלט נישט קיין שום ווצהטאָגען. פרוי אַ. סאַיק, גראָדזיאַנד, שעווסקאַ 16-1 שרייבט אונז: שוין אַ לענגערע צייט האָב איך געליטען אויף רעוומאַטיזם אין די הענד און די פיס. די וועהטאָגען האָבען מיר אַזוי דערקוטשעט אַז איך האָב אָפט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפען. מיינע הענד און פיס זענען מיט דער צייט אַזוי שטייף געוואָרען, אַז איך האָב כמעט מיך נישט געקענט ריהרען. איך קען פשוט נישט בעשרייבען ווי איך האָב דורך דער צייט געליטען. דורך 7 חדשים האָב איך פּרובירט פערשידענאַרטיגסטע מיטלען וועלענדיג זיך בעפרייען פון די שרעקליכע וועהטאָגען. אָבער עס איז מיר באמת ערשט דאַן בעסער געוואָרען, ווען איך האָב אָנגעהויבען נעמען טאָגאַל. שוין אין אַ וואָך ארום זענען די וועהטאָגען געוואָרען קלענער און איך האָב געקענט רוהיג שלאָפען. זעהענדיג אַזעלכע גוטע רעזולטאַטען האָב איך ווייטער גענומען טאָגאַל, שטרענג לויט פאַרשריפטען. מיט דער צייט האָב איך וויראַזשנע געפיהלט ווי מיינע הענד און פיס ווערען וואס ווייטער בעוועגליכער. איצט בין איך שוין אינגאַנצען פטור פון דער אונאַנגענעהמער קרענק, אַזוי אַז היי-יאָהר האָב איך אַ דאַנק טאָגאַל געקאָנט פערציכטען אויף אַ רייזע אין אַ קור-אָרט. טאָגאַל איז באמת אַ ראַדיקאַל מיטעל! וועגען דעם קענען זאָגען עדות טויזענדער מענשען וואס האָבען גענומען טאָגאַל ביי רעוומאַטיזם, פּאָדאַגרע, רייסען און ברעכען אין די ביינער, נערוועו-און קאָפּוועהטאָג, גריפּע, פערקיהלונגען און אַנדערע עהנליכע קראַנקהייטען. אונשעדליך פאַר'ן מאָגען, הארץ און אַנדערע אָרגאַנען. טאָגאַל שטילט נישט נאָר די וועהטאָגען, אָבער דערשטיקט אויך אין קערן די אַלע חולאת'ן! דעריבער האָט מען אפילו ביי עראָנושע פאַלען דערגרייכט מיט טאָגאַל איבעררראשענדע רעזולטאַטען און ווען נאָך טויזענדער דאָקטוירים פערשרייבען טאָגאַל קען דאָך יעדער מיט צוטרוי דעם מיטעל קויפען. פּרובירט נאָך היינט, פאָדערט אָבער וויראַזשנע נור טאָגאַל! אין אַלע אַפּטייקען!

קליינער פעליעטאָן.

מרת פּראָווינץ האָט דאס וואָרט ...

עס וואָלט געווען אַנ'עולה, אַז מען זאָל פון צייט צו צייט נישט ווידמען אַ פעליעטאָן דער פּראָווינץ, וועלכע איז אַזוי רייך אין געשעהענישען און פּאַסירונגען, וואס שטייגען איבער די גרויסע שטאָדט.

דאס קליינע שטעדטיל קען שלאָפען גאַנצע יאָהרען, אַזוי, אַז מען זאָל מיינען, אַז עס איז אַ בית-עולם נישט קיין שטעדטיל מיט לעבעדיגע מענשען, כאַפּט זיך אָבער דאס שטעדטיל אַמאָל אויף פון שלאָף, מאַכט עס אַן אַזאַ טומעל, אַז מען קען דעם גערודער הערען אויף צעהנדלינגער מייל'ען ווייט.

וואס פאַר אַ מחלוקה קען אויסברעכען אין אַזאַ פּראָווינץ-שטעדטיל? פערשטעהט זיך: גמינע, רבנים-וואַהלען און אויב די מחלוקה ברעכט אויס, ווערט זי געפיהרט מיט אַזאַ ראַפינירטקייט, מיט אַזאַלכע טריקען, וואס מיר שטאָדט-מענשען זענען גאָרנישט אומשטאַנד עס צו בעגרייפען.

אַזאַ מחלוקה איז לעצטענס אויסגעבראָכען אין ק"ק ל ע ל ע וו.

לעלעוו געפונט זיך אין מלך-אביונ'ס גיטער, פערוואָרפען אין אַ העק, צו וועלכען מען קען נאָר צוקומען מיט אָקס. קיין באַהן אָדער אויטאָ דערגרייכט נאָכנישט קיין ל ע ל ע וו.

זענען זיך דאָרט אין דער רעזידענץ לעלעוו געזעסען גאַנצע יאָהרען שטיל, רוהיג. די 120 יודישע משפחות האָבען געהאַנדעלט ווי אַלע יודען אין די אַרומיגע שטעדטלעך און זיך בעגנוגענט מיט שיע פּיהע. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דער דאָרטיגער רב יאַנאָווסקי פערנעמט דעם כסא-הרבנות אין אָטוואָצק און לעלעוו איז געבליבען אָהן אַ ספּאָדעק.

האָבען זיך אָנגעהויבען צו יאָויען פערשידענע מעקלער און שדכנים מיט רבנות-פּאַסטענס און צוגעזאָגט כל-טוב. אויף יעדען שבת איז געקומען אַנ'אַנדערער קאַנדידאַט, געהאַלטען אַ דרשה און געוואָלט נושא-חן זיין ביים לעלעווער קהל, ביז עס איז געקומען דער ראַדאָמסקער רבי מיט זיינע מקורבים און אַלס קאַנדידאַט מיטגעבראַנגט דעם זוהן פון געוועזענעם קלאָבוצקער רב, וועלכער איז בהסכם כולם אָנערקענט געוואָרען אַלס דער פּאַסיגסטער און איינציגער קאַנדידאַט אויף רב.

ביי יודען קען אָבער נישט אַלץ אַדורכגעהן בשלום. עס זענען נישט די אַמאָליגע צייטען, ווען יודען האָבען בפה אחד געזאָגט „נעשה ונשמע“. ר' איסר דער געוועזענער פּרעזעס פון דער יודישער קהלה האָט נישט געקענט מסכים זיין מיט קהל און איבערהויפּט מיט די נייע דאָזאָרעס, וואס האָבען פערנומען זיין אַמאָליגע גדולה און ער האָט געזאָגט „ניע פּאָיאַדען“. פאַרוואָס, פאַרוואָס, קען ער נישט מאָטיווירען, נאָר גאָרנישט, ער וויל נישט, כאָטש לציס זאָגען, אַז ווען ער וואָלט בעקומען אַביסעל כסף, וואָלט ער אויך מסכים געווען...

הקיצור, די מחלוקה האָט זיך אָנגעהויבען. איז איין צד, די מעהרהייט, געפאָהרען צום וולאָשטשאָווער סטאַראָסטאַ וועגען בעשטימען דעם אָפיציעלען טערמין פון רבנים-קאָנקורס, איז ר' איסר מצד דער מינדערהייט אויך געפאָהרען זיך משתדל זיין, אַז מען זאָל דעם טערמין נישט בעשטימען. אויפ'ן וועג האָט זיך ר' איסר צוזאַמענגעטראָפען מיט דער דעלעגאַציע פון דער מעהרהייט און אַזוי רעדענדיג האָט זיך דער נייער פּרעזעס אַרויסגעכאַפּט, אַז ר' איסר, ווען ער איז געווען על מעמדו, האָט זיך געזאָלט קושען מיט'ן מאַגיסטראַט - סעקרעטאָר (נישט מיט דער סעקרעטאָרקע)...

אויף צומאָרגענס ווערט דער נייער פּרעזעס גערופען אין מאַגיסטראַט, האָט מען פערשלאָסען די טהיר און געמאַכט אַ משכנתא. האָט דער עולם פון דער מעהרהייט בעשלאָסען זיך נוקם צו זיין אין ר' איסר'ן, צומאָרגענס שבת ביים דאַווענען איז אויסגעבראָכען אַ געשלעג צווישען ביידע צדדים און מען האָט גערופען פּאָליציי, האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ אָנהענגער פון ר' איסר'ן און אויפגעגעבען דער פּאָליציי, ווער עס האָט אַלץ גענומען אָנטייל אין געשלעג און אַזוי האָט ער אויסגערעכענט גאַנצע 80 נעמען, אַלע אָנהענגער פון נייעם רב.

דער עולם איז געוואָרען נאָך מעהר פערביטערט און זיך בעשלאָסען נוקם צו זיין אין ר' איסר'ן אויף אַנ'אָריגינעלען אופן:

קודם-כל האָבען זיי אָוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו ר' איסר'ס זוהן יוסל וואס וואוינט אין זשאַרקי, אַז ער זאָל שוין קומען צום פאָטער'ס לויה און דאַן האָבען זיי אָוועקגעשטעלט די שוואַרצע מטה מיט'ן טהרה-ברעט פאַר ר' איסר'ס טהיר.

אינדערפריה, ווען ר' איסר האָט זיך אויפגעהויבען און געזעהען, אַז דער עולם האָט איהם געמית'ט, האָט ער געכאַפּט דעם טלית און תפילין און נעלאָפען אין בית המדרש אַריין דאַווענען. דערווייל איז אָנגעקומען דער זוהן פון זשאַרקי און זעהענדיג די מטה מיט'ן טהרה ברעט פאַר'ן פאָטערס טהיר, איז ער אויסגעבראָכען אין אַ געוויין און איז אַריין אין שטוב, דאָרט זעהט ער נישט דעם פאָטער און גראָד איז קיינער פון די שטוב מענשען נישט געווען, געהט ער ארויס אין גאַס, קומט איהם אַקעגען דער פאָטער מיט'ן טלית אונטער'ן אָרעם. דערזעהענדיג דעם „טויטען“ פאָטער געהן, האָט דער זוהן געגעבען אַ מוראַדיגען געשריי... און געפאַלען חלשות...

איצט האָט זיך ערשט די מחלוקה אָנגעהויבען אויפסניי און מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגען? —ימים ידברו.

אויב מען האַלט שוין ביי דער פּראָווינץ, וועל איך נאָך דערצעהלען עפּיס וועגען י אַ נ ו וו.

דער נייער יאַנאָווער רב, האָט געוואָלט זיין עדה מזכה זיין מיט אַ גוטע זאַך. האָט ער בעשלאָסען צו מאַכען אַנ'עירוב, כדי מען זאָל קאָנען טראָגען אַהיים דאָס טשאָלענט אין שבת.

פערדריסט דאָס אָבער די דאָרטיגע גוים, פאַרוואָס יודען וועלען האָבען שבת'דיגע טשאָלענטער, האָבען זיי די קעסטלעך מיט די ערובין צובראָכען. האָבען זיך די יאַנאָווער יודען געוואַנדען צו דער פּאָליציי נאָך הילף, זיי האָבען זיך אָבער נישט געקאָנט אַנ'עצה געבען, ביז נאָך לאַנגע השתדלותן ביי דער היגער פּאָליציי, וועלכע האָט געגעבען אַ שטרענגען בעפעהל צו דער דאָרטיגער פּאָליציי צו כאַפּען די פערברעכער. ערשט דאַמאָלס האָט מען געפונען די שולדיגע.

ויהי היום, ווען די יודען האָבען זיך אויפגעהויבען אין אַ געוויסען טאָג, האָבען זיי געטראָפען אויפגעמאָלט אַ בילד, וואס שטעלט פאַר אַ קעסטיל מיט אַ יודישען עירוב און אַ גוי טהוט עס פערשווערכען. האָבען זיי זיך געוואַנדען צו דער פּאָליציי מיט אַ אינטערווענץ. און אַז די פּאָליציי וויל קאָן זי, האָט זי טאַקע דעם שולדיגען געפונען און אַרעסטירט.

זעהענדיג, אַז די פּאָליציי האַלט מיט די יודען, האָט די „ראָדע“, וואס בעשטעהט פון בלויז קריסטען בעשלאָסען אָנצוהויבען אַנ'אַנדערען קאַמף אַ מעהר קולטורעלען, און טאָג טעגליך ווערט אַריינגעשיקט צו דער פּאָליציי מסירות אויף יודען, וועלכע האַנדלען אָהנע פּאַטענטען, אָדער טהון אַנדערע עבירות...

אָט אַזוי נעביך שטעהען אויס די יאַנאָווער יודען, און אַלץ צוליעב דעם, אַז זיי זאָלען קאָנען טראָגען די טשאָלענטער אין שבת.

סמאָל.

Złoty metal na wystawie w Katowicach 1927 r.
Przedstawiciel na Okręg Częstochowski
I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15

Zakład Elektrotechniczno-Inst.

„ŚWIATŁO-SIŁA"

sp. z ogr. odp.
W CZĘSTOCHOWIE
NOWY RYNEK 5. TEL. 606

אייגענטימער:
געבר. טענענבערג און מ. עהרליך
מאכט בעקאנט דער ברייטער געזעלשאפט, אז אונזער פירמע
איז איצט פערגרעסערט געווארען און נעמט אן אלערליי
עלעקטרישע ארבייטען
ווי: בעלייכטונג, מאטארען, אפאראטען, ווי אויך אלערליי פאפראווקעס.
די ארבייט ווערט אויסגעפיהרט רעיעל, שנעל, אונטער דער לייטונג פון קאנצ. פאכלייט.
אויסצאהלונגען ביז א יאהר אלערליי ארבייטען.

א גרויסער אקאדעמישער באל.

מארגען שבת 10 א זייגער אווענד קומט פאר אין לאקאל פון דער „ווארטא", אלעע קאשטשושקי 16 א גרויסער אקאדעמישער באל איינגעארדענט דורכ'ן פרויען פעראיין „עזרה" און ציוניסטישע אקאדעמישע יוגענד.

דער באל וועט זיין רייך מיט פערשיעדענע אטראקציעס און אויסערגעוועהנליכע סורפריזען.

דער באל איז דער לעצטער פון קארנאוואל און דעריבער וועט יעדער קומען זיך ווייל'ען.

דערביי בעט מען אונז מודיע צו זיין אלע מיטגלידער און סימפאטיקער, אז טאמער האט ווער נישט בעקומען קיין איינלאדונג, איז עס א פערזעהן און מען בעהט צו קומען אויפ'ן באל אהנע איינלאדונגען.

די אכראנקע ווערט פערמאכט.

מיר מוזען בענאכריכטען א טרויעריגע בשורה, נעמליך: די אכראנקע ביים „דאבראטשינגאשטש", וואס האט אויסגעהאלטען 260 ארימע קינדער ווערט צוליעב מאנגעל אין געלד פערמאכט דעם 1-טען מערץ. ה. י.

די פערוואלטונג ווי אויך דער עלטערען-קאמיטעט האט אנגעשטרענגט אלע כחות די אכראנקע צו דערהאלטען.

דער מאגיסטראט אבער, וועלכער האלט אויס צענדליגער פוילישע אכראנקעס, האט פאר דער יודישער נישט געוואלט געבען קיין איין גראשען סובסידיום. און דאס האט געבראכט צו דעם טרויעריגען רעזולטאט.

260 יודישע קינדער, וועלכע האבען געפונען א ווארימע צארטע ליכטיגע היים, וועלען זיך מוזען א גאנצען טאג וואלגערן אין זייערע ארימע היימען, נישט דערעסען און נישט זיך דערווארימען.

מיט א טיפען וועהטאג אין הארצען שרייבען מיר אויף די דאזיגע ידיעה.

ספארט.

זשטגס בעזיגט וויקטאריא 8:12

פערגאנגענעם שבת איז פארגעקומען אנ'אינטערעסאנטער נעץ - באל מעטש צווישען די דאמען און מענער-גרופען פון יודישען טורן און ספארט-פעראיין און פוילישען ספארט-קלוב „וויקטאריא", וועלכער האט זיך פערענדיגט מיט דעם גלענצענדען זיעג פון זשטגס.

רעזולטאטען: 3-ער סיסטעם דאמען יטספ 1 בעזיגט וויקטאריא 1 10:30. יטספ 2 בעזיגט וויקטאריא 2 18;30. מענער וויקטאריא1 בעזיגט יטספ1 16:30, וויקטאריא 2 בעזיעגט יטספ 2 10:30. מיקס-דעבל: קארנבראט—קויפמאן בעזיגען נאך א שעהנעם קאמף יאווארסקא-אוימא 17:22, די זעהר-גוטע שאפראנסקא-ראמאנאווסקי בעזיגען שלעזינגער-קופערשמידט 16:30. נירענבערג-רייך בעזיגען קאוואצקא-דזיובעק 20:24 און שטייער-פשעראווסקי בעזיגען נאך א שארפען און עמאציאנעלען קאמף מעלקובנא—שמעיקאל.

זשטגס — אקב

מארגען, שבת 8 אווענד אין אייגענעם זאל אראנזשירט די באקס-לייטונג פון יטספ א מעטש מיט דעם בעקאנטען אויבערשלעזישען „אמאטארען-באקסער-קלוב" פון שעמיאנאוויץ, וועלכער קומט מיט דולאק'ן אין דער שפיץ. דאס וועט זיין דער 10-טער מעטש אין היירינען סעזאן פון יטספ און צוליעב זייער פארטשריט ווערען די קאמפען אינטערעסאנטער און צאהלרייכער בעזוכט. דער בעריהמטער דולאק קעמפט מיט שילציצקי'ן, וועלכער מאכט גרויסע פארטשריט.

קראקאווער „מכבי" אין טשענסטאכאוו

יטספ האט איינגעלאדען פאר זיין נעץ-באל דאמען-מאנשאפט די דאמען-מאנשאפט פון קראקאווער „מכבי" מיט דער פיעלמאליגער פוילישער מייסטערין פרל. פרייוואלד אין דער שפיץ, (רעפרעזאנץ אויף דער מכבי'אדע).

דער מעטש קומט פאר זונטאג, דעם 28 ד. ח. 3 נאכמ. אין ספארט-הויז א. נ. פון מארשאל פילסודסקי (נעבען נייעם פארק). די קאמפען, וועלכע זאגען צו צו זיין אינטערעסאנט, האבען ארויסגערופען א אינטערעס.

נדבות אין רעדאקציע.

געזאמעלט אין רודניק און רענדזין פאר בית-לחם 19 זל.

שמעון ניישטעטער 3 זלאטעס פאר „בית לחם".

צו דער עפענטליכקייט!

צו ר' מרדכי שלום קאהן, פילסודסקי 9.

אויף אלעם, וואס איך שרייב האב איך עדות און שריפטליכע בעשטעטיגונגען.

ענדע 1930 האב איך געבארגט פאר דער פירמע „פרעגער און לאנדוי" דורך א פערמיטלער 800 דאלאר, נישט וויסענדיג פון וועמען. אין ווזשעשען 1931 האט ה' קאהן אונז גערופען און ערקלערט אז די 800 דאלאר מוז ער האבען פאר זיין זוהן, אנ'אדוואקאט. מיר האבען איהם ערקלערט, אז מיר זענען נישט אומשטאנד יעצט דאס געלד צו געבען, ווייל מיר האבען ליגען סחורה פאר א סך טויזענדער דאלאר און מען קען נישט לייזען קיין איין זלאטע, און נאך א רייהע אונטערהאנדלונגען אין געגענווארט פון פערמיטלער האט ער איינגעשטימט צו נעמען א היפאטעק-פערזיכערונג אויף 1000 דאלאר און צו ווארטען ביז ווזשעשען 1932.

ענדע גרודזיען האט ה' קאהן אונז גערופען צו זיך, ווייל זיין זוהן דער אדוואקאט איז דא. דער אדוואקאט האט אונז ערקלערט אין שארפע ווערטער, אז ער מוז דאס געלד ביז 8 אווענד האבען, אויב מיר ווילען, אז ער זאל ווארטען ביז ווזשעשען זאלען מיר איהם געבען א משכן בריליאנטען, ווערט-פאפירען א. ד. גל. איך האב ערקלערט, אז אזאלכעס האבען מיר נישט און ה' לאנדוי האט ערקלערט, דאס מיר קענען איהם געבען אונזערע פיאניגעס און מעבעל, וואס עס בעטרעפט מעהר ווי 800 דאלאר, אבער ער האט וועגען דעם נישט געוואלט הערען און מיר האבען ביי איהם אבגעבעטען צו ווארטען נאך א קורצע צייט.

אין יאנואר ה. י. האב איך אינפארמירט דעם ה' מ. ש. קאהן, אז מיר פיהרען אונטערהאנדלונגען וועגען פערקויפען. דעם 10 לוטי האב איך געזאגט דעם ה' קאהן, דאס מיר געהען צום רעיענט. און זיין זאך וועט היינט ערלעדיגט ווערען. „איך ווייס, דאס איהר האט גענומען 560 דאלאר אנגאבע"—האט ער מיר געזאגט. דער קויפער האט זיך אבער צום אקט נישט נעשטעלט און איך האב דעם ה' קאהן אינפארמירט וועגען דעם. פאריגען זונטאג פריה דעם 14 ד. ח. בין איך געוועזען ביי ה' קאהן און איהם ערקלערט, דאס די זאך וועט בעשטימט צושטאנד קומען אין עטליכע טעג.

דינסטאג אווענד, דעם 16, ווען אלע קויפער-פערקויפער זענען געוועזען ביים רעיענט, קלינגט ה' קאהן צו מיר צום רעיענט, צי מען האט וועגען איהם פערגעסען. ניין—האב איך געענטפערט—אין אייך קען מען נישט פערגעסען, איהר האט דאך א היפאטעק, נאר די זאך איז נאכנישט פערטיג. דאנערשטאג דעם 18 ד. ח. קלינגט צו מיר אדוו. קאהן, דאס ער איז ספעציעל געקומען פון ווארשא און וויל זיך מיט מיר זעהען. איך האב אבגעשטימט אויף 5 א זייגער פארנאכט. דעמזעלבען טאג טרעפט אדוו. קאהן אונזער שותף ה' הערמאן שאיא און פרעגט איהם ווי די זאך בעשטעהט. ער האט איהם ארויפגעפיהרט צום רעיענט קאס און געוויזען דעם אנגעשריבענעם אקט. 5 א זייגער קום איך צום אדוו. קאהן, ער זאגט, דאס דער פאטער איז נישט אין דערהיים און ערקלערט מיר אין א שטרענגען טאן, אז עס איז שוין צייט דאס ער זאל זיין געלד בעקומען. דאס געלד, — האב איך געזאגט,— וועל איך דעם פאטער בעצאהלען און אפשר נאך היינט, נאר בעשטימט קען איך נישט זאגען ווייל עס זענען נאך דא שוועריגקייטען און עס קען נאך אמאל דויערען ביז שבת אווענד. ער האט מיך געבעטען דעמזעלבען טאג איהם צו וויסען צו געבען ווי די זאך בעשטעהט און 7 אווענד בין איך דאס צווייטע מאל נעקומען און איהם געזאגט, אז די זאך איז נאכנישט ערלעדיגט און ווארשיינליך וועט דאס ערלעדיגט זיין שבת אווענד. אויב אזוי דאנק איך פאר'ן קומען דאס צווייטע מאל און איך פאהר יעצט קיין ווארשא און שבת קום איך צוריק.

פרייטאג פריה איז ה' לאנדע געווארען, אז עס איז געקומען א ספעציעלער מענש פון ווארשא אדורכפיהרען די עקזעקוציע. איז ער באלד 9 פריה אוועק צום ה' קאהן, וואס האט איהם אויפגענומען אין קארידאר. ה' לאנדוי האט צו איהם געזאגט: איך קען יעצט געהן צום רעיענט פערשרייבען די פיאנינעס און דאס גאנצע מעבעל מיינע און פרעגערס, וואס איז דאך מעהר ווערט ווי 800 דאלאר. איך ווייס גארנישט, איהר וועט היינט ביידע האבען עגמת-נפש—האט ער איהם געענטפערט און געזעגענט אין קארידאר.

ווען איך בין צופעליג 12.40 אהיימגעקומען, האט מיך ה' לאנדוי געטראפען פאר'ן איינגאנג און געזאגט, אז דער קאמארניק זיצט שוין פון 11 אן. איך האב געטראפען דעם קאמארניק ה' פעלקא מיט א „פראפעסאר" פון ווארשא. לויט'ן אויסדרוק און ערצעהלונג פון ר' מרדכי שלום קאהן האט ער גענומען 250 זל. פאר'ן אדורכפיהרען די עקזעקוציע.

צופעליג איז צו מיר געקומען מיינס א שוועסטער פון קאליש, און אריינקומענדיג אין שטוב האט זי געטראפען אזא בילד: די פרוי מיינע וויינט זאגענדיג צום ווארשעווער „דו קאנסט נעמען וואס דו ווילסט, אבער מיין איינציגען ווינטער פאלטען, ווען דו נעמסט צו, ארעכט'רסט דו דאך מיך, ס'איז דאך ווינטער, אין וואס וועל איך געהן אין גאס". מיין שוועסטער איז שרעקליך דענערווירט און שרייט: איך וועל נישט לאזען מיין פאלטען און מיינע קליידער רעקוויזירען, איך מוז מאנטאג צוריק אהיים פאהרען, וואס וועל איך דארט זאגען. דו האסט נישט קיין רעכט — שרייט זי — איך בין נאר דא א גאסט. איך בין מארקוס קאהן — האט ער געענטפערט — (די ווערטער האט ער מיר עטליכע מאהל איבערגע'חזר'ט) און וואס איך טהו, איז לויט'ן געזעץ, ווי דער ה' מרדכי שלום קאהן פערלאנגט. איך בין אפליקאנט ביי אדוואקאט קאהן אין ווארשא, און איך קען דאס געזעץ. איך דארף נאר 1 פאלטען איבערלאזען, איך ווייס נישט, אז אין שטוב איז דא א גאסט איך האב באלד די זאך אין ארדנונג געבראנגט, איך האב געהייסען דער פרוי'ס פאלטען מיט דער שוועסטער'ס 2 קליידער רעקוויזירען, און מיין שוועסטער'ס פאלטען צוריקגעבען. די גאנצע וועש האט ער רעקוויזירט, נאר איבערגעלאזט 2 מענער-העמדער און 5 דאמען העמדער. די רעשט וועש, זאגאר די קינדער-וועש, אלעס ארעסטירט. איך האב נאך מיט זיי פערברענגט 2 שעה און מיט זיי פיעל גערעדט, אבער דאס לאז איך אויף א צווייט מאל, אויב איך וועל דארפען עפענטליך ארויסצוטרעטען.

דער קאמארניק ה' פעלקע, האט זיך זעהר שלעכט געפיהלט אין מיין וואוינונג. דאס אלעס האט געדוירט ביז 3 א זייגער. איך האב איהם צוגעהאלפען, איך האב פערשטאנען וואס ער וויל. ער האט מיט שפאגאט אלעס א פאר מאל ארומגעבינדען און מיט א גרויסען סטעמפעל אויף א דעקטורע יעדע זאך פערזיגעלט. ער האט אלעס אבגעשאצט אויף 1223 זלאטעס, צום ביישפיעל דער פרוי'ס ווינטער פאלטען 6 זלאטיס, דער שוועסטער'ס 2 נייע קליידער צו 1 זלאטי, מיינע אנצוגער, איינער 5 זלאטיס, און א בעסערער 10 זלאטיס א. ז. וו.

פארוואס רעקוויזירסטו נישט נאך זאכען? —האב איך איהם געפרעגט.— איך וויל נישט מעהר איך האב גענוג.

איך האב געבעטען מיין פרוי'ס פאלטען צו בעפרייען, אבער דער אדוואקאט האט געזאגט: עס בלייבט אלץ ארעסטירט און ער האט שנעל זיך געזעגענט און אוועק צום ה' לאנדוי. דארט האט ער אלץ אבגעשאצט אויף 1220 זלאטעס, נאר ער האט זיך גאר אנדערש פערהאלטען. אנשטאט ווי ביי מיר 4 שעה האט ער דארט נאר פערבראכט 1 שעה און דארט אבגעשאצט א זיידען טישטוך אויף 1 זלאטי.

איך שטעל פעסט, אז ה' מרדכי שלום קאהן האט געוואוסט וועגען אלעם, וואס ס'איז דא אין שטוב, אפילו אז כ'טראג אין דערוואכען אויך א פעלץ.

איך האב ערשט מאנטאג פערשטאנען פארוואס ער האט אלץ אזוי ביליג געשאצט, דען ה' מ. ש. קאהן האט זיך געווענדעט צום ה' יוסף קרויזע נייער מארק 1, ער זאל אונז זאגען, אז ווען מיר וועלען איהם נישט בעצאהלען דאס געלד ביז דינסטאג, וועט ער מאכען אנ'אופאדלאשטש, ווייל ווען דער קאמארניק געפונט נישט קיין דעקונג אויף דער סומע קען מען מאכען א אופאדלאשטש.

יעצט פרעג איך דעם ה' מרדכי שלום קאהן, ער האט דאך 2 אינטעליגענטע קינדער, ווי אזוי האבען זיי איהם געלאזט דערצו, זיי ווייסען דאך שעקספיר'ס ערצעהלונג, ווען א ליכוויארז איז געגאנגען אבנעמען פון א בעל-חוב דאס געלד מיט בלוט האט ער דעם פראצעס פערשפילט. איך בין דעם ה' קאהן שולדיג געוועזען נאר געלד. ווי אזוי האט ער זיך ערלויבט פון מיין פרוי און קינדער בלוט צו צאפען. ונקיתי דמם לא נקיתי, איך קען אלץ שענקען, נאר זייער בלוט-פערגיסונג וועל איך נישט שענקען. ער האט מיט זיינע הענט פייער געשארט און ער האט זיך אבגעבריהט. זאל די עפענטליכע מיינונג וועגען דעם איהר משפט ארויסזאגען. איך וועל איהם אנדערש נישט שענקען ביז ער וועט די 800 דאלאר צו מיין דיספאזיציע שטעלען אוועקצוגעבען אויף וואוילטעטיגע צוועקען און ער זאל מיט זיין פרוי אין מיין וואוינונג קומען אבשניידען די שטריק און די סטעמפלען, וואס ער האט אויף זיי געלעגט. איך ווייס נישט ווי דאס אנצורופען, ד. ה. מעהר ווי פאנטאזיע צו קלערען דאס אויף מרדכי שלום קאהן. ווען ער וועט דאס נישט ערפולען ביז 14 טעג, וועט געשעהן דאס, וואס מיר איז געקומען אויפ'ן געדאנק געהענדיג שבת צום דאווענען און 3 מענשען, ד. ה. א בית-דין, האבען בעשטעטיגט.

ונראה מה יהיה.

גרשון פרעגער, ספאדעק 3.

„ביורא פאראַ"

ערלעדיגט אלערליי **אמטליכע ענינים**
ווי: ביטעס צו אלע רעגירונגס-אמטען און געריכטס-אינסטיטוציעס.
ספעציאליטעט:
שטייערן-פראגען און אינדוסטריע-געזעץ.
ADRES:
„PORADA", ALEJA № 35
I-sze piętro, front.

„Grand-Kino"
קאשטשושקי גאס.
לעצטער סעאנס 9.40 אוו.

פון היינט דער נייעסטער פילם פון שענסטען וועלט-אמאנט **ראמאן נאווארא**
צוזאמען מיט דעם קינאמאטאגראפישען שטערן **העלענא שאנדלער.**
אין די אויסערגעוועהנליכע דראמא **Nad RANEM**
איבער'ן פראגראם: ביז טרעהרען לאכענדער פארס **Nieopłacone radjo z . lipem i Flapem**
ווי אויך **לאנג-איבערזיכט** פון די **וועלט-געשעהענישען.**
אין קורצען פוילישער פילם **Ułani... ułani.. chłopcy malowani.**

Teatr „ODEON"
אלעע 27.
לעצטער סעאנס 10 אווענד.
אויפ'ן 1 סעאנס קרזעסלא 1 זל.

נישט-געזעהען קונסט.ווערק געשטיצט אויף די איבערלעבענישען פון א פליהער וועלכער איז אריינגעפאלען אין די נעץ פון א פרוי א שפיאן. נייע גרויסע קרעאציע, דער ליעבלינג פון פובליקום **טשארלז פארעל** און זיין נייע פארטנערין **עליזא לאנדי** אין דעם גרעסטען שלאגער פון סעזאן
Podniebny Romans albo Tajemnicza Kobieta
אין די הויפט-ראלען: **עליזא לאנדי, טשארלז פארעל** און די פרוי-וואמפיר **מירנא לאי.**
איבער'ן פראגראם: **קלאנג-פאקס-אקטואליטעטען.**
בעמערקונג: **שבת 12 א זייגער מיטאג פאפולערע טאג - סעאנסען צו 50 גראשען.**

ערשטער מוסטערהאפטער קלאנג-קינא
Nowości
אלעע 12
לעצטער סעאנס 9-30 אווענד.
[illegible] טערע טעג.

קאמילא הארן, אננא אנדרא, לילי דאגאווער, אלגא טשעכאווא, הארי לידקע, קאנראד ווייד, ה. ה. שלעטאוו, און פר. קארטנער
אלע אין דעם גרעסטען קלאנג-פילם א. נ.
WIELKA TĘSKNOTA
שלאגער-לידלעך פון קאמילא הארן.
איבער'ן פראגראם קלאנג-צוגאבען. פרייזען פון 50 גר.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier — Druk. B. Bocian, Aleja 6